הקריה

בס"ד

Hakiryah

162 שבט תשע"ח לפ"ק February '18

פרייז $1.00

פאָזיטיווער אַנטוויקלונג איבער'ן דירות-מאַנגל קריזיס:

אריבער 200 פרישע הייזער ווען באנייט ווערן בס"ד אויף יו"ט פסח הבעל"ט

גרויסע ציפער פון הרחבת גבולי הקדושה בליעה"ר אויפאיינמאל | באנייאונג פון פארשידענע גרעסערע און קלענערע דעוועלאפמענטס אריינגערעכנט ערשטע פאזע פון 'קערעסטיר' און לעצטע פאזע פון 'קארלסבורג'` נאך הונדערטער דירות געפלאנט צו פארענדיגט ווערן דורכאויס די קומענדיגע זומער חדשים הבעל"ט | העכסט-פאזיטיווע דערגרייכונג אין רעזולטאט פון קארנוואל וואסער-קוואל באשטעטיגונג נאך אלע אנדערע וויכטיגע איינריכטונגען אדאנק איבערמידליכע באמיאונגען פון הנהלת הקרי' | פארשפרעכט צו ברענגען בעז"ה הרחבה און דערלייכטערונג אין לעזן טיילווייז דעם דירות-מאנגל

2

לסדר ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם:

העפטיגע אַקטיוויטעטן לפאר ולרומם בתי מדרשים אין אַלע ווינקלען פון שטאָט

פרעכטיגער אריינגאנג ביים ביהמ"ד הגדול - אויסברייטערונג פון ביהמ"ד אבני צדק - באנייאונג פון כלים מקוה אין ביהמ"ד ישמח משה - דריי שטאק עקסטענשאן צום ביהמ"ד אהל פיגא - נייע באלייכטונג און פרישע בוי ארבעט אין ביהמ"ד ברך משה

5

השומר שבת כהלכתו:

פערטער "שבת פייפער" ווערט אהערגעשטעלט אין שטאָט צו סערווירן "שבונת ברך משה" און ארומיגע שבונות

3

קאסטבארע איינריכטונג ווערט אינסטאלירט אויפ'ן דאך פון "ביזנעס צענטער" אויף בעיקערטאון רד.

פאָזיטיווער אַנטוויקלונג איבער'ן דירות-מאַנגל קריזיס:

איבער 200 פרישע הייזער ווערן באנייט ווערן בס"ד אויף יו"ט פסח הבעל"ט

גרויסע ציפער פון הרחבת גבולי הקדושה בליעה"ר אויפאיינמאל | באנייאונג פון פארשידענע גרעסערע און קלענערע דעוועלאפמענטס אריינגערעכנט ערשטע פאזע פון 'קערעסטיר' און לעצטע פאזע פון 'קארלסבורג'` נאך הונדערטער דירות געפלאנט צו פארענדיגט ווערן דורכאויס די קומענדיגע זומער חדשים הבעל"ט | העכסט-פאזיטיווע דערגרייכונג אין רעזולטאט פון קארנוואל וואסער-קוואל באשטעטיגונג נאך אלע אנדערע וויכטיגע איינריכטונגען אדאנק איבערמידליכע באמיאונגען פון הנהלת הקרי' | פארשפרעכט צו ברענגען בעז"ה הרחבה און דערלייכטערונג אין לעזן טיילווייז דעם דירות-מאנגל

ווען מען קוקט זיך אום אויפ'ן הרחבת גבולי הקדושה בעיר עוז לנו קרית יואל, ווערט דאס הארץ אנגעפולט מיט שמחה און פרייד, ווען מען זעט בחוש ווי דאס אמאליגע "שטעטל" קרית יואל איז במשך די יארן פארוואנדלט געווארן בליעה"ר אין אן עיר גדולה לאלקים, פון די גרעסטע און שענסטע אידישע צענטערן ביים יהדות החרדית, מיט'ן כסדר'דיגן הוספה והתרחבות פון פרישע בתים נאמנים בישראל ע"ד התורה והמסורה לנו.

אין א פריידיגן נייעס וואס טוט אונטערשטרייכן דעם וואוקס און אויס-שפרייטונג פון קרית יואל, איז דער פאקט אז אזויפיל ווי איבער 200 פרישע דירות ווערן אין די יעצטיגע וואכן פארענדיגט און באנייט דורך אירע הונדערטער משפחות, אויף דעם קומענדיגן יו"ט פסח הבעל"ט אין א מזל'דיגער שעה.

'נייע דירות' איז באמת נישט קיין נייעס פאר קרית יואל, די שטאט וואס סימבאליזירט "הרחבת גבולי הקדושה" אויפ'ן העכסטן און שענסטן פארנעם, בכחו ובזכותו של אותו זקן רבינו הקוה"ט זצוק"ל מייסד העיר. עס איז אבער פארט א גאר פריידיגע און פאזיטיווע אנטוויקלונג וואס איז ווערד מאמענטאל צו באגריסן און ארויסהייבן מיט קידוש לבנה אותיות, סיי צוליב דעם פאקט ווען 'אזא גרויסער מספר' דירות פון פארשידענע גרעסערע און קלענערע דעוועלאפמענטס אין אלע עקן שטאט, ווערן פאקטיש אהערגעשטעלט און פארענדיגט אין 'איין תקופה', וואס איז אויך א זעלטנהייט פאר דער לאנגיעריגער היסטאריע פון קרית יואל, וואס באדייט א הילכיגער 'שהחיינו' פון אזויפיל איינוואוינער אויפאיינמאל, און בעיקר איז עס צוליב דעם מציאות, קומענדיג אין א צייט נאכדעם וואס קרית יואל ערהוילט זיך און האלט אינמיטן ארויסקריכן פונעם שווערן דירות-מאנגל וואס האט שווער געפלאגט די שטאט די לעצטערע יארן אין רעזולטאט פון שווערע שטערונגען און שטרויכלונגען אין די פראצעדורן פון אנעקסיעשאן/וואסער/זאונינג, ביוראקראטיע פון פערמיטן און געריכטן א.א.וו.

עס איז נישט דא דאס פלאץ איבערצוגיין אין דעטאלן די השתלשלות הענינים ארום די איבערמידליכע אינטערווענצן און בלוט-דורכגעווייקטע פעולות פון די געטרייע הנהלת הקרי' דורכאויס די לעצטערע יארן אין געביט פון הרחבת גבולי הקדושה, אנגעהויבן מיט'ן אונטערנעמען שוין מיט אכצן יאר צוריק – תיכף נאכן פארענדיגן דעם אייגענעם קרית יואל סוער סיסטעם - דעם היסטארישן און מאסיוון "וואסער-פייפליין פראיעקט" צו באהעפטן קרית יואל'ס וואסער סיסטעם צום גיגאנטישן ניו יארק סיטי וואסער עקוועדאקט, וועלכע געפינט זיך דרייצן מייל אוועק פון קרית יואל אינעם טאון פון ניו ווינדסאַר, דאן דער כסדר'דיגער געיעג צוצושטעלן וואסער-קוועלער פאר'ן אנגייענדן געברויך, אהערצושטעלן א טרונק וואסער ביז דער קרעטשמע, און צום לעצט די היסטארישע פראצעדורן פון 'אנעקסעישאן' און 'טאון אוו פאלם טרי' דראמאטיש מרחיב צו זיין די גבולי העיר.

אט דאס אלעס איז אונטערגענומען געווארן מיט איין ציל, נעמליך צוצו-שטעלן די נויטיגע כלים און לעבנס-וויכטיגע פונדאמענטאלע באדערפענישן פאר דער שטאט, אז מ'זאל קענען ווייטער צושטעלן א סופליי פון דירות אויף א גרויסן מאסשטאב און אנהאלטן דעם דירות-סופליי לויט'ן וואוקס און געברויך בליעה"ר ביז משיח'ס טאג במהרה.

אבער ווי שוין ברייט באקאנט און מערערע מאל באריכטעט דא אין דער 'הקריה', האט מען זיך דורכאויס די יארן ליידער אנגעשטויסן אין אומאפ-שטעלבארע שטרויכלונגען און שטיינער פון צרי עין מבית ומחוץ, וועלכע האבן געלייגט שטיינער אין וועג, אזוי ארום אז ס'האט למעשה צוגעפירט צו א 'ראוד-בלאק' אין נאכקומען דעם אנגייענדן וואוקס און צוגעפירט סיי צו א דראמאטישער ענגשאפט אין געביט פון דירות, און סיי אין די פרייזן פון די דירות וואס איז אין רעזולטאט פונעם מאנגל ארויפגעגאנגען מיט גרויסע ציפערן.

אזוי האט זיך עס שווער אפגערופן דורכאויס דער לעצטער תקופה ווען ס'זעט זיך אָן א שטארקע ארויסוואנדערונג פון ברוקלין, ישיבת כרכים קשה, און מערערע אנ"ש פון וויליאמסבורג/בארא פארק וואס לעכצן צו מאכן דעם ריכטיגן באשלוס זיך ארויסצוציען צו דער הייליגער שטאט קרית יואל, צו קענען אויך געניסן פון דער ריינער רוחניות'דיגער אטמאספערע אינאיינעם מיט אלע באקוועמע אידישע און גשמיות'דיגע געברויכן עצהיו"ט.

איבעריג צו זאגן אז דורכאויס אלע זמנים, ובפרט אין דער שווערער תקופה, איז די הנהלת הקרי' נישט געזיצן מיט פארלייגטע הענט, נאר זיך אונטערגעגארטלט און אונטערגענומען אלערליי און אויסערארדנטליכע באמיאונגען צו שליכטן די פראבלעמען אויפ'ן בעסטן און שנעלסטן אופן וואס שייך, כדי זיכער צו מאכן אז קרית יואל מיט אירע טויזנטער קינדער-געבענטשטע משפחות בליעה"ר זאלן האבן די נויטיגע וואסער געברויך און אלע אנדערע לעבנס-וויכטיגע געברויכן, און באזארגן די וואקסנדע שטאט מיט דירות, וואס דאס האט בס"ד טאקע געפירט צו די פאזיטיווע נאכפאלגן אין דער פראצעדור פון 'אנעקסעישאן' און אנדערע האקעלע ענינים לטובת הרחבת גבולי עיר גדולה לאלקים.

תהלה לקל יתברך, אדאנק דעם גינסטיגן באשלוס פונעם געריכט צו ערלויבן דאס אקטיוויזירן דעם ווילידזש וואסער-קוואל אין קארנוואל, (ערשטע פאזע פונעם לאנג-ערווארטעטן "וואסער-פייפליין" פראיעקט), וואס איז העכסט-וויכטיג געווען אויף צו קענען לינדערן דעם אנגייענדן וואסער-געברויך און עווענטועל פירן צו דער לאנג-טערמיניגער לעזונג צום וואַסער-קריזיס אין קרית יואל, האט דאס געעפנט א טיר פאר די פארשידענע בוי-פראיעקטן ביז איצטיגע, אנגייענדע און ווייטערדיגע דירות-פראיעקטן, גרעסערע און קלענערע איבער דער שטאט, צו קענען פאראויסגיין און צו קענען ערהאלטן די נויטיגע פערמיטן צו קענען אהערשטעלן און פארענדיגן די בוי-אונטערנעמונגען אויף וואס אזויפיל משפחות קוקן אזוי ארויס.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו! אצינד נאך אזויפיל שווערע הארעוואניע און באמיאונגען צו ברענגען א דערלייכטערונג מיט "דירות אין קרית יואל", צו העלפן נאכקומען סיי דעם נאטורליכן וואוקס פון דער שטאט און סיי דעם וואוקס פון דרויסנדיגע משפחות, ווערט באגריסט די נייעס אז אויף דעם קומענדיגן יו"ט פסח וועלן בעז"ה באנייט ווערן אזויפיל ווי אריבער 200 פרישע ניי געפארטיגטע דירות איבער קרית יואל, וואס רעכנט אריין: די ערשטע 63 הייזער פון דער 'וויניארד' פראיעקט; 66 דירות פון דער לעצטער פאזע אויף קארלסבורג אין שכונת עצי התמרים; די ערשטע 16 דירות פון א 64 דירות פראיעקט ביי שווימער'ס הייזער אויף ישראל זופניק דר.; 25 דירות אויף 28 קוויקוועי; 10 דירות אויף 4 פילמאר; 19 דירות אויף 7 אוהעל און 5 דירות אויף 16 ליזענסק בלווד.

ווען מ'ציעט א פאראלעל צו די פארגאנגענע יארן, שטעלט זיך ארויס אז ס'איז באמת א היסטארישער און באדייטנדער פאראויס-שפרונג פאר קרית יואל, אבער מער ווי שטענדיג איז עס איצט א פאזיטיווע און צופרידנשטעלנדע דערגרייכונג, אלס טייל פון די שפעפרישע פעולות צו קענען ברענגען א שטארקע הרחבה און דערלייכטערונג אינעם אנגעשטרענגטן דירות-מארקעט און פארזיכערן די ווייטערדיגע בלי פון דער קרי' נשגבה.

אט די אלע נייע דירות זענען אין צוגאב צו נאך עטליכע הונדערט הייזער וואס האלטן שוין אין די שפע-טערע קאנסטראקשן פאזעס און וועלן בעז"ה ווערן באוואוינט במשך די זומער חדשים, וואס דאס איז אלעס אויסער הונדערטער פרישע געפלאנטע הייזער, אריינגערעכנט גרעסערע און קלענערע דעוועלאפמענטס לענגאויס דער שטאט, ובפרט דער היסטארישער אויפבוי פונעם נייעם גיגאנטישן ישוב "שכונת ויואל משה", וואס זענען דערווייל אין פריערדיגע בוי-פאזעס און זענען געפלאנט צו פארענדיגט ווערן דורכאויס די נאכפאלגנדע יארן בשעה טובה ומוצלחת – אדאנק די נאכאנאנדע באמיאונגען פון די הנהלת הקרי' – צו דער ערווארטונג און פרייד פון אלע תושבי קרית יואל.

עס איז וויכטיג אנצומערקן אז דאס אלעס איז בלויז "אין קרית יואל", נישט אריינגערעכנט דאס אויסשפרייטונג אין די ארומיגע געגנטער, וואס דאס באדייט א ספעציעל שמחה און קורת רוח, אויף דעם וואס דער הייליגער באדן, די גבולי הקדושה פון "קרית יואל" גופא, וואס איז נתקדש געווארן בקדושה העליונה דורך אותו צדיק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע צו דינען אלס אן ערליכער אפגעהיטענער אידישער ווינקל ביז משיח'ס טאג, ווערט ווייטער אויפגעאקערט, אויפגעבויט און באזעצט מיט טויזנטער ערליכע אידישע שטיבער, וועלכע שטרעבן צו וואוינען אין א פולקאמע ריינע אידישע סביבה און מגדל צו זיין דורות ישרים ומבורכים, אויפן זעלבן דרך ווי רבינו הק' איז אהערגעקומען און מייסד געווען די שטאט אז עס זאל זיין גענצליך אפגעזונדערט און אפגעטיילט פון די טריפה'נע שמוציגע גאסן, צו קענען ציען די גאלדענע קייט פון המשכת הדורות בקדושה וטהרה על דרך אבותינו ורבותינו הק'.

בלייבט אונז איבער צו ווינטשן אז כה יתן ה' וכה יוסיף, צו קענען ווייטער דערלעבן די הרחבת גבולי הקדושה פונעם רבי'נס הייליגער שטאט, דער גולת הכותרת פון ממלכת סאטמאר, וואס בליט מיט פראכט אונטער דער הדרכה ונשיאות הקודש פונעם מרא דאתרא קדישא כ"ק מרן רבינו שליט"א, מחיל אל חיל לשם ולתפארת ולתהלה, און א הארציגן מזל טוב פאר די אלע הונדערטער משפחות וועלכע ציען זיך אריין אין די פרישע דירות בשטומ"צ: הרחמן הוא יברך את בעלי הבית הזה, אז זיי זאלן קענען דערין מחנך זיין די קינדערלעך מיט הרחבת הדעת און סייעתא דשמיא געזונטערהייט, און אריינאטעמען די לויטערע אנגענעמע אטמאספערע פון אונזער הייליגער שטאט "קרית יואל".

הבונה בית חדש מברך שהחיינו.

השומר שבת כהלכתו:

פערטער ”שבת פייפער“ ווערט אהערגעשטעלט אין שטאָט צו סערווירן ”שכונת ברך משה“ און ארומיגע שכונות

קאסטבארע איינריכטונג ווערט אינסטאלירט אויפ׳ן דאך פון ”ביזנעס צענטער“ אויף בעיקערטאן רד.

בעת די שורות ווערן געשריבן גייט אפיציעל אריין אין קראפט די ארבייט אהערצושטעלן א פערטן ”שבת בעל“, וואס וועט מיט אירע שארף-קלינגעדיגע טענער איינמעלדן דעם אנקום פונעם הייליגן שבת פאר די הונדערטער איינוואוינער פון שכונת ברך משה און ארומיגע גאסן, און אין צוקונפט וועט דאס דינען דעם געברויך פון די פרישע דירות-פראיעקטן, א שטייגער ”שכונת ויואל משה“ און ענליך.

דער פייפער וועט קונה שביתה זיין העכער׳ן ביזנעס צענטער, ווערנדיג אויסגעקליבן צוליב איר שטארקן בענעפיט צו קענען סיגנאלידירן דעם שבת פאר מערערע געגענטער, וואס מ׳וואלט נישט געהאט ווען ס׳איז ווען אינסטאלירט אין שכונת ברך משה גופא, נאך וואס ”סאַונד“ עקספערטן האבן באשטעטיגט אז זייענדיג אויף אזא שפיץ-בארג, ווערן די טענער פארלוירן אין די ארומיגע בערג, און ס׳דערגרייכט נישט די ריכטיגע צילן. ווידער האט די ביזנעס צענטער לאקאציע א מעלה, זייענדיג היבש ווייט אפגערוקט פון באוואוינטע הייזער, אזוי וועט דאס נישט אזוי הילכיג אריינקוויטשען אין די אויערן פון די שכנים.

די הויפט איניציאטארן צום נייעם בעל זענען די צוויי חשוב׳ע עסקנים פון שכונת ברך משה, מו״ה חיים (ברד״א) לאנדא הי״ו און מו״ה ארי׳ לייב פליישמאן הי״ו, מיט׳ן ציל צו אדרעסירן דעם פארלאנג פאר א פרישן פייפער וואס מ׳קען גוט און קלאר הערן אויך אין ברך משה קווארטל, נאך וואס אין פארשידענע ווינקלען אין דער שכונה הערט מען גאנץ שוואך די קלאנגען פון די עקזיסטירנדע פייפערס, און בכלל הערט מען עס נישט מיט׳ן ריכטיגן קראפט אין דער גאנצער שכונה. זעלבסטפארשטענדליך, גרויסע שטחים ארום ברך משה זענען ערווארט באוואוינט צו ווערן די קומענדיגע פאר יאר בעז״ה, וועט פאר יענע הייזער זיכער אויספעלן א נייעם פייפער.

קרית יואל האט לעת עתה דריי שבת פייפערס. דער ערשטער איז אויפ׳ן דאך פון דער דירה פון הרה״ח ר׳ יצחק לעווי ז״ל אויפ׳ן טעילאר קט., וואס צענדליגער יארן האט ער די זכי׳ געהאט צו האבן דעם סגולה׳דיגן אינסטרומענט העכער זיין שטוב. די חשוב׳ע משפחת לעווי שיחיו גיבן זיך געטריי אפ דאס צו אקטיוויזירן אלע יארן מיט גרויס ווארעמקייט יעדן ער״ש ויו״ט.

ווען קרית יואל איז גרעסער געווארן איז דער איינציגער פייפער מער נישט אומשטאנד געווען צו אנזאגן דעם שבת פאר די שפרודלדיגע שכונות אין אלע ווינקלען, איז אויפ׳ן ביהמ״ד אבני צדק אהערגעשטעלט געווארן א צווייטער פייפער דורך חשובע עסקנים אינאיינעם מיט די הנהלת הקריה, און ווערט געטריי אקטיוויזירט און באהאנדלט דורכן איבערגעגעבענעם משמש הרה״ח ר׳ משה יקותיאל שווארטץ הי״ו.

א צייט שפעטער איז אינסטאלירט געווארן דער דריטער פייפער אויפ׳ן טהרה שטיבל ביים בית החיים דקהלתינו מיט די געטרייע עסקנות פון הרה״ח ר׳ יצחק בערנאטה הי״ו, און ווערט באגלייט און אפגעווארט אויך דורך די משפחת לעווי שיחיו. אצינד איז געקומען די צייט פאר א פערטער אינסטאלירונג אין דער שבת-בעל פלאטע.

דער נייער פייפער ווערט אהערגע-שטעלט מיט די סאפיסטיקירטסטע איינ-ריכטונגען לויט די נייעסטע מאדעלן, און די קאסטן ווערן געשאצט אויף אריבער דרייסיג טויזנט דאלאר. די הויפט-קאסטן איז אין רעזולטאט וואס דאס איז בכלל נישט קיין סטאנדארט ארטיקל; מ׳שטעלט אהער דעם טעכניק און מאשינעריע קאסטום-מעיד, ספעציפיש געאייגנט פאר דעם געוואונטשענעם ציל, ס׳זאל אפהילכן ווי ווייטער און שארפער, און קענען האלטן ב״ה אויף אריכות ימים דורך אלע וועטערס אונטערן פרייען הימל.

די חשוב׳ע תושבים אין שכונת ברך משה האבן דערהערט דעם ׳רוף׳ פון די עסקנים, און א שיינע צאל תושבים האבן בייגעשטייערט צום פראיעקט מיט שיינע סכומים, בנוסף צו חשוב׳ע נגידים פון איבער דער שטאט וועלכע האבן מנדב געווען הערליכע סכומים. די הנהלת הקרי׳ איז אויך קעגנגעקומען מיט א שותפות פון גרויסע סכומים צו קענען ערמעגליכן דעם פראיעקט צו גיין פאראויס.

מ׳האט ארויסגעשטעלט א ביד וואו עטליכע סאונד פירמעס האבן אריינגעגעבן זייערע אנבאטן, און די בארימטע סאונד סיסטעם פירמע פון הרה״ח ר׳ שלום סאנדעל הי״ו האט געוואונען דעם ביד. מ׳וועט דארפן האבן די מיטארבעט פון אן עלעקטערישאן, רופינג פירמע און אייזן-שמעלצונג עקספערט, צו קענען אויפשטעלן דעם סטענד אויף וואס ר׳ שלום וועט אהערשטעלן א בעל וואס וועט זיין בעז״ה צו ׳הערן׳ און געדענקען.

מטעם די ביזנעס צענטער מענעדזש-מענט האט מען דעם ווארעמען מיטהילף פון הרה״ח ר׳ משה הערש ראזענפעלד הי״ו מיט זיין שטאב, וועלכער נייגט צו אן ׳אוזן קשבת׳ צו באגלייטן אלע געברויכן צו האבן דעם פייפער אהערגעשטעלט אויפן בעסטן אופן.

אין די יעצטיגע טעג הייבט מען אן בס״ד די פאקטישע ארבייט אויפצושטעלן די געבוי און מעכאניזם פון די סאפיסטיקירטע פייפער אין די ווערהאוז פון די פירמע - און נאך א געשאצטע צוויי חדשים וועט מען עס אריבער ברענגען צום ביזנעס סענטער צו אינסטאלירן אויפן דאך צום פרייד פון אלע איינוואוינער.

צום שלוס איז כדאי צו דערמאנען איבער דער סגולה ”לבנים גדולי ישראל“ וואס ווערט געברענגט אין משנה ברורה, פאר ווער ס׳איז עוסק אין צושטאנד ברענגען אזא אפאראט, צו דערמאנען אידישע קינדער איבער׳ן שבת המשמש ובא. אין הל׳ שבת (סימן רנ״א) נאכ׳ן מעורר זיין איבער׳ן פליכט איינצומעלדן שבת פאר די תושבי העיר, פירט ער אויס אויף די מעוררים, ”ואשרי חלקם כי הם מזכים את ישראל לאביהם שבשמים ויזכו עבור זה המתחזקים תמיד במצוה זו לבנים גדולי ישראל.“



אויסצוגן פון די דרשה פון הגאון הגדול הדומ״ץ שליט״א

ביים שיעור אין הל׳ יחוד וואס איז פארגעלערנט געווארן אין ביהמ״ד הגדול מיט עטליכע יאר צוריק

דער עולם זאל וויסן אז דער מצב איז זייער ערנסט. מ׳שיקט קינדער מיט גוים מופקרים ממש. אפי׳ נאר דא אין שטעטל, וואס איך אליין ווייס און מיטגעהאלטן ”שווערע פראבלעמען“. גוים פארן דא אין שטעטל. מ׳כאפט אן, מ׳טראגט אוועק א קינד, און גארנישט קיינער רעדט נישט און קיינער ווייסט נישט. מ׳זאל נאר וויסן אז ס׳איז דאס גרעסטע אחריות אויף דעם צו נוצן גוי׳אישע טעקסי דרייווערס און אריינגעבן קינדער אין זייערע הענט. מ׳קען קיינמאל נישט וויסן וואסערע מכשולות ס׳קען ארויסקומען דערפון, סיי אינגלעך סיי מיידלעך. מ׳לערנט זיך אויס מיאוס׳ע זאַכן. קינדער וואס מ׳שיקט דארף מען שיקן מיט ערליכע אינגעלייט יראים ושלימים.

עדיטאָריעל

ושכנתי בתוכם!

די שמחה מיט פרישע 200 ׳קלאוזינגס׳ אין קרית יואל אויף יו״ט פסח הבעל״ט

אין די ראמען פון דעם היינטיגן נומער מעלדט דער ׳הקריה׳ מיט פרייד איבער דער שטארק-פאזיטיווער אנטוויקלונג אין קרית יואל, ווען אין די קומענדיגע וואכן גרייטן זיך קרוב צו צוויי הונדערט משפחות צו גיין צו ׳קלאוזינג׳ אויף נייע דירות וועלכע ווערן די טעג פארענדיגט בתוככי עיר קרית יואל. די נייעס איז אוודאי א פרייליכע, און ווער עס האט נאר אביסל א געפיל צו דער הייליגער שטאט קרית יואל, נעמט עס ווי א פערזענליכע שמחה, צו זען און וויסן אז די שטאט וואקסט און אז עס איז פאראן א צוקונפט פאר אונז און אונזערע קינדער בעזהשי״ת צו קענען וואוינען אין די גרעניצן פון קרית יואל און געניסן פון די זעלבע סערוויסעס וואס תושבי קרית יואל טוען נהנה זיין ביז צום היינטיגן טאג.

מ׳דארף נישט איבערשמועסן דעם מצב פון דירות ביים היימישן ציבור בכלליות, און דא אין קרית יואל בפרט. יעדער ווייסט אז קרית יואל ווערט געפלאגט פון א דירות-מאנגל אין די לעצטע צייטן, און די אויגן פון יעדן איינציגן איינוואוינער איז געווענדן צום הימל ווארטנדיג צו הערן אז דער קריזיס איז גענצליך געלעזט און עס קומט א שפע פון דירות אין אלע עקן פון די שטאט. און דער אמת איז אז ווער עס קומט אריין אין שטעטל אין ער זעט די ריזיגע טראקטארן און בולדאזערס אויף די ריזיגע באדנס פונעם צוקונפטיגן ׳שכונת ויואל משה׳, ווייסט אז די האפנונג איז נישט אומזינסט, עס קומען בעסערע צייטן פאר קרית יואל מיט א באגנוגענדן פלייץ פון דירות, צו קענען אקאמאדירן דעם אומגעהויערן וואוקס בליעה״ר מבית ומבחוץ.

אבער ווען מ׳הערט אז אפי׳ אויפן קורצן טערמין, ביז די גרעסערע פראיעקטן וועלן גרייט זיין און ביז ווען די אנעקסירטע שטחים וועלן בעזהשי״ת קענען אריינגיין אין באנוץ, גרייטן זיך עטליכע הונדערט משפחות אריינצוציען אין שפאגל-נייע דירות אין קרית יואל, איז דאס גאר דערפרישנד צו הערן. קרית יואל איז היינט צוטאגס אן עיר ואם בישראל, א אידישע שטאט מיט אלע צוגעהערן בגשמיות וברוחניות, און יעדער וואס וואוינט אין דער שטאט וועט עדות זאגן אז מ׳טוט דא געניסן פון א רייע רייכע סערוויסעס, וואס יעדער פארגינט פאר זייערע גוטע פריינט און משפחה.

ווי ס׳קומט טאקע אויס צו הערן פון די ריעל עסטעיט בראוקערס די מערערע בענעפיטן פון וואוינען אין קרית יואל, פון נידריגע שטייער-ראטעס, שפאגל-נייע דירות, זיכערע גאסן, ביז צו אן עירוב צו קענען טראגן שבתים, גרינגע צוטריט צו מקוואות און בתי מדרשים, און אלעס אינדערמיט. וואוינען אין קרית יואל באדייט וואוינען צווישן היימישע אידן, וואוינען נאנט צו דער משפחה און גוטע פריינט; די קינדער קענען זיך שפילן אין די גאסן מיט חברים און די עלטערן קענען נהנה זיין פון די שכנים צו האלטן א וואכזאם אויג ווען עס פעלט זיך אויס. דאס איז מנוחת הנפש און דאס איז די שמחה וואס נעמט ארום עלטערן וועלכע שטייען אצינד ביים חתונה

(פארזעצונג אויף זייט 19)

הקריה
נייעס און באריכטן פון קרית יואל
HAKIRYAH
51 Forest Rd. #390 - Monroe, NY 10950
Tel: 845-418-6834 Fax: 845-774-7945
Email: hakiryah@gmail.com

אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער\אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע, אויף אייער פארלאנג.

Hakiryah is not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

The Hakiryah Newspaper is independently owned and operated and is not affiliated with or endorsed by any governmental, political or religious institution. The viewpoints and opinions expressed in the Hakiryah Newspaper are solely those of the editors and reporters - unless specifically quoted from a named source - and are independent from any municipal or organizational entity

קרית יואל פעדעמט איין פרישע פּלענער פאַר זעלבסטשטענדיגע "הייוועי דעפּאַרטמענט" צו מענטענען ראָודס

שטאַרקע מעגליכקייט אז ביז היינטיגער קאנטראקט מיטן טאון וועט אויפגעלעזט ווערן, נאך וואס נייע טאון ווירטשאפט העכערט קאנטראקט-פרייז מיט דאפלטע ציפערן, באגלייט מיט געשניטענע סערוויסעס - צייטווייליגער פינף-מאנאטיגער קאנטראקט געשלאסן אנהויב ווינטער אויפ'ן שניי-שאַרן סערוויס

צווישן די אפעלירונגען צו די חשוב'ע תושבים ביי די טאון וואלן די פארלאפענע יארן, איז אדרעסירט געווארן די נויט פאר געזונטע באציאונגען מיט די טאון באהערדע וואס אין רעזולטאט רופט זיך עס אפ אין יעדנ'ס טייסטער ווען ס'קומט צו באשטימען די שטייער ראטעס.

וויבאלד די תושבים זענען ארויסגעקומען שטימען אין די מאַסן פאר די אנ"ש אינדאָרסירטע קאנדידאטן, שאפנדיג א מאכטפולע בלאק-וואוט וואס האט געהאָלפן אַריינוועלן פריינטליכע און גינסטיג-געשטימטע טאון רעגירונג, האט מען ביי זיי געהאט אן אפענעם אויער ווען מ'האט גע'שתדל'ט פאר די קרית יואל'ער איינוואוינער וואס איז איינגעשלאסן אונטער אירע גרעניצן.

אין ליכט פון אנגענעמע קאאפעראציע האט מען אלע יארן גענאסן פון א גוט-געלוינטע קאנטראקט מיט'ן "טאון הייוועי דעפארטמענט", ווען דער ווילעדזש האָט אויסגעהאַמערט אַז פאַר'ן פרייז פון $250,000 האבן זיי דורכגעפירט אלע רוטינע סערוויסעס פאר די גאסן, ווי למשל שניי-שארן, אַוועקנעמען חיות, ראודס איבערפלאסטערונג און פאַרריכטונג (דער ווילעדזש האָט יערליך דעזיגנירט איין אָדער צוויי גאַסן וואָס דער טאַון האָט גענצליך איבערגעפלאַסטערט פאַר'ן ווערד פון פופציג טויזנט דאָלאַר), פאטהאולס פארריכטונג, באזייטיגן ביימער וואָס וואַקסן אַריין אין ראָוד אָדער איינגעפאלענע ביימער, סוער דרעין אויפשטאפונג, וכדו', עפעס וואס איז שטארק בייהילפיג געווען אין דער גאלדענער ווילעדזש איניציאטיווע צו קענען האלטן די שטייערן נידריג די אלע יארן, ווי פאר יעדן באקאנט.

די טאון האט זיך שטענדיג גערעכנט מיט די אנגעבאטענע צוגענגליכע פרייזן, און אזוי האט מען פאר לאנגע יארן נאכאנאנד ווידער באנייט יעדע עטליכע יאר דעם קאנטראקט פאר א פערטל מיליאן דאלאר פער יאר, אז זייער דעפארטמענט זאלן צושטעלן פאר קרית יואל די דערמאנטע סערוויסעס.

מ'דארף נישט אריינגיין אין אן אריכות ווי אזוי די טאון באורד בענקלעך זענען כהיום פולשטענדיג באזעצט דורך אזעלכע וואס זענען אריינדערוועלט געווארן מיט א בלאק-וואוט קאנסטרוקטירט מיט אן אנטי-קרית יואל סלאגאן און אמביציע. הגם קרית יואל האט ב"ה באוויזן אויף לעתיד זיך אפצוטיילן פון מאנרא, דורכן גרינדן דעם באזונדערע טאון אוו פאלם טרי, איז מען נאך דערווייל פארבליבן אפהענגיג אין מאָנראָ, און צום באדויערן קומט צום אויבערפלאך די פארביסנקייט פון דער איצטיגער טאון באורד צו עפעס וואס באריר קרית יואל.

(פארזעצונג אויף זייט 15)

אין רעזולטאַט פון שווערן ווינטער:

ענערגישע "פּובליק וואָרקס דעפּט" אַרבעט צו פאַרריכטן פאַרמערטע "פּאַטהאָולס" אויף לאָקאַלע ראודס

אין דער צייט וואס אלע מוניציפאליטעטן איבער גאנץ אמעריקע ווערן געפלאגט מיט'ן סוף ווינטער פראבלעם פון פארמערטע פאטהאולס אויף די ראודס, ווערן ארייגעלייגט גרויסע כוחות דורכ'ן ווילעדזש פובליק ווארקס דעפט צו נאכיאגן די וואקסנדע צאל פון געשאפענע פאטהאולס אויף די גאסן אין קרית יואל, כדי דאָס צו פארריכטן צייטווייליג ביז נאכ'ן ווינטער.

דער פראבלעם פון פאטהאולס ווערט יעדעס יאר נאכאמאל אויפגעפרישט ווען עס קומט אָן דער קאלטער ווינטער, און במשך דעם ווינטער טוט דאס פאראורזאכן אומאיינגענעמליכקייטן פאר די רייזענדע אויף די ראודס ווען די קארס שטויסן זיך אָן אין די געשאפענע לעכער אין די ראודס.

דער אורזאך פון א פאטהאול

די "פאטהאולס", אדער אויף אידיש גערעדט: די געשאפענע לעכער אויף די שאסייען, ווערן פאראורזאכט אין רעזולטאט פון די קאלטע וועטערס, נאכדעם וואס די רעגן וואסער גייט אריין אין די שפאלטנס פון די ראודס, און די וואסער וואס זאפט זיך איין אין דער ערד אונטער די קוילן פון די ראודס ווערן פארפרוירן און אויפגעבלאזן, (אזוי ווי יעדע געפרוירענע זאך ווערט אויפגעבלאזן), דערנאך ווען די טעמפעראטור לאזט נאך, זעצט זיך די ערד צוריק צו איר אריגינעלן שטאנדפונקט, און עס שאפט זיך א הוילקייט צווישן דער ערד און די קוילן, און ווען א קאר פארט ארויף דערויף ברעכט זיך איין די קוילן און עס ווערט א לאך אין דער ראוד.

דעריבער איז ווי פארשטענדליך נישט פארהאן קיין עצה צו פארמיידן די פאטהאולס פון פאסירן, (נישט אזוי ווי מאנכע מיינען אז די געשאפענע לעכער איז פארבינדן מיט די זאלץ וואס ווערט געגאסן אויף די ראודס בשעת א שניי). און דערפאר

(פארזעצונג אויף זייט 19)

סיעתא דשמיא ווען 2 מיליאן דאלאר סטעיט גרענט פאר גיגאנטישע "הייוועי און פיסגייער סעיפטי אימפּראָוומענט" פּראיעקט ווערט אונטערגעשריבן נעצייִלטע טעג איידער געמיינע פרעסע דעקונג

מיט אפטימיזם און שטארקע דערלייכטערונג האט א הויפט-נייעס אין פאריגע הקרי' נומער געשריגן איבער א לאנג-ערווארטעטע 2 מיליאן דאלאר גרענט פון די ניו יארק סטעיט רעגירונג, וואס וועט פינאנצירן דעם לעבנסוויכטיגן פראיעקט צו שאפן א גענצליכע טראנספארמירונג פאר וויכטיגע טיילן פון 6 גאסן אין שטאט, סאטמאר-העיס-קארטער-זענטא-מירון-ריזשין.

די נייעס איז געווען אין די צייטונגען נוסח 'ברעכנד', ווען די גרענט איז ענדגילטיג אונטערגעשריבן געווארן דורך די סטעיט אגענטור מיט קרית יואל ווילעדזש, ביים גיין צום דרוק ענדע פרשת בא. די סטעיט אגענטור אונטערן נאמען "מוניציפאל פעסיליטיס פראגראם", איז געשאפן געווארן דורך גאווערנאר קאומא אין '13, וואס טוט שפענדן פאר אינפראסטרוקטור איינריכטונגען אין טאונס און ווילעדזשעס לענגאויס ניו יארק. די סטעיט האט אויטאריזירט $385 מיליאן פאר דעם פראגראם פאר יעדעס פון די לעצטע 5 יאר, שפענדענדיג דערווייל א מעגא טאטאל פון 1.9 ביליאן דאלאר.



העצערישע אילוסטראציע און נייעס אויף די פאדערשטן זייטן פון דער רעקארד איבער די 2 מיליאן דאלאר גרענט

נאך לעצטער יאר איז אין די הקרי' שפאלטענעס פון ניסן תשע"ז צום ערשטן מאל באריכטעט געווארן איבער פלענער וואס די ווילעדזש האט געלאזט אין גאנג אויסצובארייטערן די וויכטיגע חלקים פון די פאַרנומענע גאַסן אין שטאט, צו קענען נאכקומען דעם טראפיק און פארקער וואס ווערט בלויז געדיכטער אין דער ווירבלנדער שטאט מיט איר וואקסנדע באפעלקערונג, פיסגייער און מאטאריסטן.

אין די זעלבע צייט איז די נומער 1 פריאריטעט אין די ווילעדזש קארידארן, נישט צו באלעסטיגן די איינוואוינער מיט העכערע שטייערן אויסווירקנד פון די פרישע פראיעקטן, און מיט'ן אויבערשטנס הילף האט מען די לעצטע נאָנט צו צוואָנציג יאָר שוין בס"ד באוויזן דאס אומגלויבליכע צו פאראויסמארשירן מיט'ן סערווירן די איינוואוינער מיט גלענצנדע "סעיפטי און טראפיק אימפראוומענט" אונטערנעמונגען אן ברויכן העכערן די שטייערן. און אין די זעלבער צייט וואס די ארכיטעקט פירמעס שטודירן און צייכענען די פראיעקט מאפעס, פיבערט א באזונדערע ווילעדזש פליגל מיט אירע אויסגעצייכנטע ראטגעבער און רעגירונג פארמיטלער צו פּרובירן ברענגען פון אלבאני און וואשינגטאן די נויטיגע פאנדן דערפאר.

דער יעצטיגער "הייוועי און פיסגייער סעיפטי אימפראוומענט" פראיעקט איז א מעשה וואָס ווערט געשאַצט אפצוקאסטן 3 מיליאן דאלאר אין די ענדע. מ'האט אינטערוועניר ביי די ריכטיגע פענסטער, און אנערקענענדיג די נויטווענדיגקייט פאר אזא פראיעקט, האט די סטעיט באשלאסן צו ווידמען 2 מיליאן דאלאר פונעם "מינוציפאל פעסיליטיס פּראָגראַם" פאר די קרית יואל'ע ראודס וואס דערהייבן שוין נישט דעם פארקער פון א 'שטעטל'. די ווילעדזש קאנסולטענס זענען אצינד טעטיג ווי אזוי אויפצוקומען מיטן דריטן מיליאן דאלאר אין די באגרעניצטע יערליכע בודזשעטן, ס'זאל נישט אפעקטירן נישט די לויפנדע רוטינע אויסגאַבן, און נישט די לאַנג-יעריגע נידריגע ווילידזש טעקס ראטעס.

אויב איז די גרענט פארטיילונג באגריסט געווארן דורך אלעמען, איז געווען כאטש איין טאג-צייטונג וואס האט געמאנגלט מיט א הויפט-נייעס פאר'ן דאנערשטאג בשלח פאדערשטן זייט, און בנוסח 'דער שטורמער' אויסגעצירט אַ בילד ווי עס רעגנט דיקע בינטלעך פון גרינע קעש באַנקנאָטן אויף די גאַסן פון קרית יואל, און געווידמעט די שרייענדע הויפט-נייעס "ווער האט געגעבן פאר קרית יואל דעם 2 מיליאן גרענט?"

וואס מ'דארף געדענקען, ס'איז די זעלבע "טיימס הערלד-רעקארד" צייטונג וואס האט אויף איר קאנטע א לאנגיעריגע סיסטעמאטישע העצריי קעגן קרית יואל און אירע יושר'דיגע געברויכן. ס'איז די זעלבע צייטונג וואס טראגט א היסטאריע פון אראפרייסן און מיאוס פארדאמען פאליטישאנס וואס האבן נאר געטראכט פון אויסשטרעקן א האנט פאר קרית יואל. ס'איז די זעלבע צייטונג וואס האט זיך געשטעלט אויף א פלאטפארמע צו אויפבלאזן לעגענדעס און פארבריצירן האלבע שקרים און גאנצע ליגענטס קעגן קרית יואל און אירע טויזנטער פרידליכע תושבים.

צוריק צו די יארן ווען גאווערנאר פאטאקי איז נאך געווען דער אסעמבלימאן וואס האט פארטרעטן קרית יואל, און אלע יארן שפעטער ווען ער איז געווען דער ניו יארקער גאווערנאר, איז ער געווען אויף די שווארצע ליסטע אין דעם מידעלטאון הויפטקווארטיטע רעקארד צייטונג פאר'ן שטיין צוהילף פאר קרית יואל. ווען דער געטרייער קאנגרעסמאן בען גילמאן האט לאנגע יארן אויסגעשטרעקט א ווארעם האנט און הארץ פאר די קריטישע פראיעקטן אין לויף פון די יארן, צי זאל דאס זיין די "עזרת חולים" שפּונג, די ענדע נ' יארן מאסיווע "סייד-וואלק פראיעקט"

(פארזעצונג אויף זייט 8)

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם:

פאַקטישע בוי־אַרבעט אויסצובייטערן ביהמ"ד "אבני צדק" ערווארטעט אריינצוגיין אין קראַפט

מעכטיגער "להרחיב" פראיעקט וועט אהערשטעלן פנים חדשות אין אלע שטאקן – כמעט פארטאפלונג פון מקוה און היכל ביהמ"ד וואָס וועט אויך דינען אַלס היכל התורה, 3 פרישע חדרי תפלה, שמחה-זאל, און נאך

תשס"ה האט שכונת עצי תמרים אנגעהויבן איר אויפבלי, און ווייניג פון די היינטיגע תושבי "עצי תמרים" געדענקען ווען די גאנצע שכונה האט געהאט פלאַץ אין ביהמ"ד "דברי חיים". אביסל שפעטער איז שוין נישט געווען גענוג פלאץ, האט מען געדאווענט אויך אין א פראוויזארישן קאַראַוואַן אויף רוזין.

מיט דער מקוה איז אריינגעקומען אין בילד דער ענערגישער עסקן הרה"ג ר' איתמר מייזליש שליט"א, ווען א פארטעבל מקוה איז פלאצירט געווארן צווישן וואלד-ביימער הינטער צפת.

די פאקטישע ביהמ"ד אבני צדק באנייאונג איז פארגעקומען שבת שופטים, ו' אלול תשס"ה, א קורצע צייט נאכדעם וואס כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א איז ממנה חדב"ן הגה"צ רבי העניך אשכנזי שליט"א לכהן פאר אלס רב ומורה הוראה פונעם נייעם ביהמ"ד. לרגל פתיחת ביהמ"ד האט מרן רבינו שליט"א קורא שם געווען דעם ביהמ"ד "אבני צדק", ע"ש ספרו הק' פונעם ייטב לב זי"ע, און טאקע ביומא דהילולא דילי', איז דער ביהמ"ד נתחנך געווארן דורך די געהויבענע שבת'דיגע תפלות בצל מרן רבינו שליט"א וועלכע האט באשיינט דעם שבת בקרב השכונה.

פ' משפטים תשס"ו איז נתחנך געווארן די נייע מקוה מהודרה אין ביהמ"ד, שאפנדיג א שטארקע דערלייכטערונג ביים ציבור. אדאנק דעם ווערט אויך ניתוסף די ספסלי בי מדרשא טאג טעגליך, און ברענגט א גרעסערע געווירבל אינעם ביהמ"ד לשיעורי תורה ולמניני תפילה ערב ובוקר.

ווען מ'זאגט אין תשע"ח "ביהמ"ד אבני צדק איז שוין זייער אויסגעוואקסן", דארף מען זיך דערמאנען די צייטן ווען אבני צדק איז געווען דער 'ריזיגער' ביהמ"ד פאר עצי תמרים. מ'האט זיך געווייקט אין פלאַץ און די עטליכע צענדליגער איינוואוינער האבן נישט געוואוסט וואס צו טאן מיט אזא גרויסן ביהמ"ד...

ווי א יאר פאַרביי; עצי תמרים איז געווארן גרעסער און אבני צדק קלענער.

ניסן תשע"ב האט מען אפי' געדארפט אויפשטעלן א שאטער פאר מניני מנחה-מעריב. דער 'צר המקום מהכיל' איז געווארן אויס גוזמא. דאס פלאסטישע געצעלט אינדרויסן איז געווען דער הילכיגסטער באווייז. סינאנים האט די מקוה געוויזן לחץ זו הדחק

(פארזעצונג אויף זייט 17)

היכל ביהמ"ד המפואר "ברך משה" פריש באלויכטן מיט דויערהאפטע שטארקע לעקטערס

דויערהאפטיגע "על-אי-די באלבס" שטארקע הרחבת הדעת פאר מתפללי ביהמ"ד

פלענער פאר מינימאלע שפייז-קראם אין אונטערשטן שטאק



בשעת די שורות ווערן געליינט, האט מען שוין געבענטשט חודש אדר, וואס גיט אן אנזאג אויף די ימי הפורים, וואס דער 'ליהודים היתה אורה' איז אצינד באזונדער אקטועל פאר מתפללי ביהמ"ד ברך משה אויף ד.א. ווידער, וועלכע קענען נישט גענוג דאנקען דעם תוספות אורה וואס מ'האט אהערגעשטעלט אין ביהמ"ד, עפעס וואס טייטשט ריכטיג אפ דעם דרשת חז"ל, אורה — זו תורה; ס'לערנט און ס'דאווענט זיך גאר אנדערש מיט די נייע "לעד באלבס" וואס לייכטן איבער'ן ביהמ"ד.

די שוין היינט גוט-באקאנטע "לעד באלבס" (LED) איז א באלייכטונג געצייג וואס שטעלט פאָר פילזייטיגע בענעפיטן, איבערהויפט מיט איר ציכטיגן שיין און אז ס'ציט ווייניג עלעקטריציטעט.

עטליכע חשוב'ע נדבנים מתפללי ביהמ"ד זענען אנטקעגנגעקומען צו פינאנצירן דעם 20 טויזנט דאלארדיגן פראיעקט, ה"ה הרה"ח ר' שלמה צבי (בר"ד) עקשטיין הי"ו, הרה"ח ר' זאב פערל הי"ו — נדבן אוצר הספרים עטרת פ"ז בביהמ"ד — הרה"ח ר' חיים טאגער הי"ו הרה"ח ר' פנחס שפירא הי"ו און הרה"ח ר' שמעון חיים וויינבערגער הי"ו.

די אונטערנעמונג איז נארוואס ערגענצט געווארן, ווערנדיג שטארק באגריסט דורך די פילצאליגע מתפללים וועלכע זענען דאנקבאר פאר די נגידים הנכבדים פאר'ן ביישטייערן צום קאסטבארן פראיעקט.

*

אין אנדערע "ביהמ"ד ברך משה" נייעס, זענען דורכ'ן הנהלת הביהמ"ד געלאזט געווארן אין גאנג די קאנסטראק-ציע אהערצושטעלן א שפייז-קראם אין אונטערשטן שטאק, נעבן דער מקוה, וואס זאל שטיין צודינסט מיט די וויכטיג געברויכן פאר די מתפללים אין די צופרי שטונדן.

וויבאלד דאס שטיבל וועט אהערגע-שטעלט ווערן מיט צוטריט צו דער גאס, ווערט גענומען אין באטראכט א פלאן צו ווידמען דעם סערוויס אויך פאר'ן באנוץ פון די אלגעמיינע תושבים פון די גאסן ארום, מיט געוויסע שעה'ן דורכ'ן טאג. דאס וועט זיין א שטארקע דערלייכ-טערונג פאר די איינוואוינער וועלכע האבן נישט א גראסערי ביי דער האנט, און מ'מוז לויפן פאר א באטל מילך צי פעקל ברויט ביז'ן שאפינג-צענטער.

מער פרטים וועלן נאכפאלגן.

העפטיגע פארשריט ביים אויפבוי פון 3־שטאקיגן עקסטענשאן ביים ביהמ"ד "אהל פינא"

אין די יעצטיגע טעג פראגרעסירט די בוי-ארבעט ביים ביהמ"ד אהל פיגא דקהלתינו הק' אויף דראהביטש רד. צו האבן פארטיג דעם דריי-שטאקיגן עקסטענשאן פראיעקט וואס וועט צוגעבן הרחבה צום ביהמ"ד נאכדעם וואס דער ביהמ"ד איז שוין לאנג אויסגעוואקסן פון פלאץ בליעה"ר, איבערהויפט נאך וואס ס'איז באזעצט געווארן די פרישע צענדליגער דירות פונעם "דראהביטש דעוועלאפמענט" וואס האט צוגעברענגט א שטארקן איבערפלוס פון באי ביהמ"ד.

דאס פליגל ווערט אהערגעשטעלט ביי דער דרויסנדיגער דרום-וואנט פונעם בנין, און וועט האבן אויפ'ן ערשטן שטאק א "לאנדרי-רום" פאר'ן געברויך פון די מקוה-האנטוכער, אין צייט וואס דער יעצטיגער לאנדרי איז קווארטירט אין אן ענגער לאקאציע אין ווינקל פון ערשטן שטאק, נעבן דער מקוה.

דער צווייטער שטאק וועט אנטהאלטן א פרישער חדר תפלה, ווען דער זכות החדר איז אפגעקויפט געווארן דורך הרבני הנגיד ר' נחמן פיש הי"ו, מחברי הנהלת ביהמ"ד, וואס וועט טראגן דעם נאמען "חדר שלמה", לע"נ אביו הרה"ח ר' שלמה ז"ל.

מאמענטאל פארמאגט דער ביהמ"ד דריי פערמאנענטע חדרי תפלה — צוויי אין אונטערשטן שטאק און איין אין די עזרת נשים אויפ'ן דריטן שטאק, וואס איז איינגעשלאסן געווארן אלס חדר תפלה נאכ'ן ריבוי המתפללים, וואס האט געצוואונגען איינצושטעלן דעם נייעם סדר המנינים לשחרית יעדע צוואנציג מינוט. מיט'ן נייעם פערטן חדר וועט ערמעגליכט זיין איבערצופרישן דעם סדר צו א מנין יעדע פערטל שעה. אין צוגאב וועט דאס אויך שטארק בייהילפיג זיין פאר מניני מנחה-מעריב און פאר שיעורי תורה ברבים.

אויפ'ן דריטן שטאק וועט נתרחב ווערן די "עזרת נשים", בנדבת לבו פון הרבני הנגיד ר' מאיר יעקב אינדיג הי"ו, דער נדבן פון דער אריגינעלער עזרת נשים, "חדר בנציון", ע"ש אביו הרה"ח ר' בנציון ז"ל. נאך וואס די עזרת נשים איז לאנג אויסגעוואקסן פון פלאץ, וואס קומט בעיקר צו אנערקענונג אין די ימים נוראים און אין שיינע שבתים וימים טובים, וועט די פרישע הרחבה צוגעבן פרישע זיץ-ערטער פאר די בית יעקב אלו הנשים, און דורך די וואך וועט דער 'חדר בנציון' דינען פאר מנינים און שיעורים לתורה ולתפלה.

אין טאטאל וועט דער ביהמ"ד פארברייטערט ווערן מיט פרישע 1,000 סקווער-פיס. די דרויסנדיגע סטרוקטור איז שוין ארויפגעצויגן געווארן, און די יעצטיגע וואכן איז מערקבאר העפטיגע ארבעט אין אינערליכן געבוי, און האפנטליך וועט דאס שטיין פארטיג על תלה בנוי' ביז עטליכע וואכן בעז"ה לשמחת לב התושבים ומתפללים.

פראַקטפולע "כלים מקוה" ביים ביהמ"ד ישמח משה דקהלתינו הק' באנייט

פראַכטפולע "כלים מקוה" ביים ביהמ"ד ישמח משה דקהלתינו הק' באנייט

שוין עטליכע וואכן וואס תושבי שכונת ברך משה געניסן פון דער פראכטפולער "כלים מקוה" וואס איז דורכאויס א רעגן-טאג דינסטאג וישב, און א וואך דערויף דינסטאג מקץ, אנגעפולט געווארן מיט מי גשמים.

די מקוה איז טייל פון די וואוילטעטיגע פראיעקטן פון גבאי ועסקני ביהמ"ד ישמח משה לטובת הציבור, אונטער די איניציאטיוון פונעם רוח החיים הרה"ח המפואר ר' יואל עפשטיין הי"ו, חבר ועד הפועל דקהלתינו הק', וועלכער איז אויך ביי דעם פראיעקט געווען דער מתחיל במצוה אויפצוברענגען דעם געדאנק און איינפעדעמען די פאקטישע בוי-פלענער וואס ער האט באגלייט אין אלע שטאפלען.

מ'האט אויפגעבויט א שטיבל באהאפטן צום פאדערשטן טייל פון ביהמ"ד אויף דינוב רד. (ד.ה. מערב זייט פון ביהמ"ד), וואו מ'האט אינסטאלירט די בור המקוה מיט די זייטיגע צוגעהערן. מיט'ן בוי-ארבעט האט אנגעפירט הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו, וועלכער האט אהערגעשטעלט דעם בנין הביהמ"ד המפואר, און אצינד מוסיף געווען מיט זיין געטרייע עסקנות אויפצובויען די כלים מקוה.

די מקוה איז א פנים חדשות פאר שכונת ברך משה און אין א געוויסן זין פאר גאנץ קרית יואל; אן ערשטמאליגע מקוה געבויט אין אן אינסולירטן צימער, הערליכע טיילס און לעקטער, מיט געשמאקע הייצונג פאר'ן ווינטער.

דער זכות המקוה איז אפגעקויפט געווארן דורך האברך החשוב ר' יצחק צבי (ב"ר מאיר זאב) פריעדריך הי"ו, מחשובי תושבי השכונה, וועלכער האט זיך גע-לאזט קאסטן גרויסע סכומים אהערצושטעלן די כלים

מקוה, און פערזענליך באגלייט די בוי-ארבעט ס'זאל ווערן אהערגעשטעלט אויף א פראכטפולן געשטעל.

די מקוה איז געשטאנען פארטיג אנהויב ווינטער, אבער מ'האט געווארט אויף א גוטן רעגן וואס זאל אנפילן דעם בור.

ב"ה פאריגן דינסטאג וישב (אין טאג וואס מ'האט אנגעהויבן זאגן 'ותן טל ומטר'), איז דורכאויס דעם טאג געווען א רעגן, וואס האט טיילווייז אנגעפולט דעם בור, און דאס איבעריגע האט משלים געווען א פרישער רעגן דינסטאג מקץ, וואס האט פולקאם אנגעפולט דעם בור מיט מי גשמים, און אצינד שטייט די מקוה מהודרת גרייט פאר באנוץ, לשמחת לב התושבים.

די הלכה'דיגע פראצעדורן זענען באגלייט געווארן דורך הגה"צ רב דבית מדרש ישמח משה שליט"א, און ווי אויך דורך הרה"ג ר' חיים קלמן קליין שליט"א, וועלכער האט מיט זיין גרויס מומחיות זיך אוועקגעגעבן במסירות נאמנה עס זאל זיין אויסגעהאלטן מיט אלע חומרות פאר טבילת כלים וואס איז א דאורייתא.

וויכטיגע אינפארמאציע בנוגע
DRIVER'S LICENSE
NON-DRIVER'S ID-CARD

האלט איר איידערן באנייען / מאכן פרישע דרייווערס-לייסענס/ נאן-דרייווערס-לייסענס?

נעמט אין אכט אז עס איז היינט צוטאגס פאראן

3 אפציעס אויסצוקלייבן:

STANDARD

בענעפיטן:

- "דערווייל" קענט איר עס נוצן אלס אן איי.די. צו פארן אויף א פליגער דאהי 'אין' אמעריקע
- "דערווייל" קענט איר עס נוצן אלס אן איי.די. אריינצוגיין אין פעדעראלע בנינים, מיליטערישע בנינים, תפיסות, וכדו'.
- אבער פון OCT 2020 למס' גייט עס בלויז קענען גענוצט ווערן אלס א פשוט'ע דרייווערס-לייסענס

וואס פאדערט זיך?

- איר קענט עס באנייען אנ-ליין, אדער אויף די פאסט
- ס'פאדערט נישט אראפצוגיין צו א מאטאר-וויקל-אפיס

REAL ID

בענעפיטן:

- איר קענט דאס אויך נוצן אלס אן איי.די. צו פארן אויף א פליגער דאהי 'אין' אמעריקע
- איר קענט עס נוצן אלס אן איי.די. אריינצוגיין אין פעדעראלע בנינים, פעדעראלע פארקס, תפיסות, וכדו'.
- אבער ס'קען 'נישט' גענוצט ווערן דורכצופארן דעם גרעניץ צו קאנאדא, מעקסיקא, און די קאריביען-אינזלען.

וואס פאדערט זיך?

- ס'קאסט די זעלבע פרייז ווי א סטאנדארטע דרייווערס לייסענס \
- מ'דארף איינמאל אראפגיין צו א מאטאר-וויקל-אפיס מיט געוויסע דאקומענטן (ביטע קוקט אויפן רעגולע פארום אדער אנליין).

ENHANCED

בענעפיטן:

- איר קענט דאס אויך נוצן אלס אן איי.די. צו פארן אויף א פליגער דאהי 'אין' אמעריקע
- איר קענט דאס אויך נוצן אנשטאט א 'פאספארט' דורכצופארן דעם גרעניץ מיט א קאר/באס/שיף (נישט מיט א פליגער) צו קאנאדא, מעקסיקא, און די קאריביען-אינזלען.
- איר קענט עס נוצן אלס אן איי.די. אריינצוגיין אין פעדעראלע בנינים, פעדעראלע פארקס, תפיסות, וכדו'.

וואס פאדערט זיך?

- מ'דארף איינמאל אראפגיין צו א מאטאר-וויקל-אפיס מיט געוויסע דאקומענטן (ביטע קוקט אויפן רעגולע פארום אדער אנליין).
- מ'דארף זיין אן אמעריקאנער **בירגער (סיטיזן).**
- ס'קאסט $30 מער ווי דער געווענליכער פרייז

פארשטייט זיך, אויב פארמאגט איר א באזונדערן פאַספאָרט

קענט איר נוצן דעם פאספארט צו פליען אין\אינדרויסן פון אמעריקע. און אזוי אויך אריינצוגיין אין פעדעראלע בנינים א.ד.ג.

אפי' אן קיין Enhanced Driver License אדער Real ID

גלייכצייטיג איז פאראן א ספעציעלע

Passport Card

וואס האט אלע בענעפיטן און מעלות פון א ENHANCED DRIVER LICENSE

פרייז: $40 אונטער 16 יאר | $55 העכער 16 יאר

איר קענט עס מאכן **דא אין ווילידזש-אפיס**

ביטע רופט פאר אן אפוינטמענט

Community Service Department

845-783-8300 Ext. 9

גוטע געלעגנהייט!

פראקטיש \ לאקאל \ און באקוועם

ספעציעל פאר די וואס דרייוון נישט

תושבי קרית יואל קוקן אַרויס אויף פּאָזיטיוון אורטייל קעגן אומ'יושר'דיגער באַנעמונג פון וואודבורי מיט'ן אַרויפשטעלן ריזיגע שטייערן אויפן וואסער פּייפּליין

די וואודבורי טאון האט זיך בארימט געמאכט די לעצטערע יארן נישט צוצולאזן דעם קרית יואל פייפליין. ווען אירע פלענער זענען צערינען; די פייפליין איז באשטעטיגט אין אלע קארידארן וואו מ'האט עס פרובירט צו באקעמפן, איז מען דא מיט א פרישן טאקטיק צו דערגיין די יארן פאר תושבי קרית יואל, רעכנענדיג ריזיגע ציפערן אין שטייערן פאר די רערן וואס לויפן דורך אירע גרעניצן.

מיט א יאר צוריק, ווען די פייפליין האט געהאלטן אינמיטן אירע ביוראקראטישע פראצעדורן עס צו קענען אנהייבן צו ניצן, האט וואודבורי פראקלאמירט אז זי וועט רעכנענן פעטע שטייערן פאר'ן פייפליין דורכ'ן אַרויפשטעלן א שטייער-שאצונג (אסעסט וועליו) פאר'ן דורכלויפן אונטערערדישע שטרעקעס אין וואודבורי, ארויסגייענדיג פון דער אנגענומענער פארשטענדליכער ליניע אז מ'בעט נישט שטייערן פאר'ן בלויז דורכלויפן א שטח — אָן פארוואלטן דעם פאקטישן שטח — ווען ס'איז די רעדע פון אונטערנעמונגען אהערגעשטעלט דורך רעגירונגען פאר'ן וואוילזיין פון אירע בירגער.

מ'וועט יא בעטן שטייערן פון א פריוואטער פירמע ביי ערטער וואו אירע איינריכטונג-ליניעס לויפן דורך די ראודס, ווי מ'זעט ביי דער או-ענד-אר עלעקטריק פירמע און טעלעפאָן-סערוויס פירמעס, וועלכע באניצן זיך מיט שטחים לענגאויס די ראודס פאר אירע עלעקטרישע דראטן און זוילן, וואס זיי פארוואלטן נישט פאקטישע שטחים, איז אבער פארהאן אן אסעסט וועליו וואס א טאון אסעסער וועט ארויפלייגן פאר'ן דורכלויפן לאנד און ניצן שטחים פאר ביזנעס-צוועקן. אבער ווען ס'קומט צו א רעגירונג באנוץ, האט מען זיך געהאלטן מיט פארשטאנד אז מ'בעט נישט שטייערן, און דער שענסטער ביישפיל איז טאקע וואודבורי.

די הערימאן וואסער איינריכטונג האט לאנג-שטרעקיגע רערן וואס שלענגלען זיך אונטער וואודבורי לאנד, און שוין יארן לאנג וואס הערימאן געניסט פון א שטייער-פרייע באנעמונג. ס'איז קיינמאל נישט בייגעפאלן פאר וואודבורי צו רעכענען פון הערימאן א פרוטה פאר'ן דורכלויפן איר לאַנד און דאס זעלבע איז קיינמאל נישט געקומען אין געדאנק פאר הערימאן אז וואודבורי זאל אמאל ארויפלייגן אַ שטייער אסעסמענט. ווען ס'קומט צו סערווירן מוניציפאלע געברויכן, איבערהויפט ווען מ'רעדט פון דאס טראפן וואסער אין מויל, האט וואודבורי פארשטאנען מיט רעספעקט אז ס'איז נישט א צייט נתעשר צו ווערן אויף יענעמ'ס פארפליכטונג אויסשטאפירן די בירגער מיט'ן פונדאמענטאלסטן באדערפעניש.

ווען ס'קומט צו קרית יואל ענדערן זיך פארשריפטן, און אפי' דער לאגיק. און די איראניע איז אז אין דער זעלבער צייט וואס וואודבורי האט ליטיגירט דעם קרית יואל פייפליין אנהויפנענדיג קלאגע-נאך-קלאגע - און זיך געשטעלט אלס צענטערפונקט צו דער פאקטישער פייפליין פארשלעפונג אויף אזויפיל יארן - האט זי געמאכט דעם באשלוס צו רעכענען א ברייטן $180,000 יערליכן שטייער אפצאל פאר א רער-איינריכטונג וואס שטייט הויל, ס'האט נאך א טראפן וואסער נישט געליפערט צו קרית יואל, אלעס אדאנק איר אייגענער אינטערווענץ.

נאך מער פון דעם. קרית יואל האט במשך די יארן איינגעהאנדלט א צאל שטחים אין וואודבורי, ניו ווינדסאר און קארנוואל, וואו ס'איז אויפגעשטעלט די פייפליין און וואַסער איינריכטונגען: אויף 14 רידזש ראוד וואו ס'אפערירט די צווייטע פאמפ סטאנציע און טענק ארויפצושטופן די פייפליין וואסער פון קארנוואל ארויף צו קרית יואל; אויף סעווען ספרינגס ראוד איז די פילטער סטאנציע; און דער שטח אויף חברון וואס איז אונטער וואודבורי, וואו קרית יואל האט עטליכע וואסער-טענק.

מ'האט אלע יארן געצאלט דערויף ערליך שטייער, כאטש וואס דערגעגן, די שטחים וואס זענען אונטער'ן אייגנטום פון הערימען ווילעדזש זענען אלעס עקזעמט געווארן דורכ'ן וואודבורי אסעסאר.

די שטייער שאצונג פאר'ן דורכלויפן מיט'ן פייפליין איז געקומען אָנהויב 17' למס', און זינט דאן קומען אויטאמאטיש די הויכע שטייער בילס פאר קרית יואל. באלד ווען וואודבורי האט אנאנסירט איר רעכענונג, האט קרית יואל פרובירט זיך אראפצוזעצן מיט זיי און הערן א צופרידנשטעלנדע אויפקלערונג פארוואס מ'בעט אזא שטייער. מ'האט זיך געווענדן צו דער טאון שטייער קאמיטע, וואס רופט זיך "גריוויענס באורד", און געבעטן א פרידליכע זיצונג איבער דעם אישו.

די אינסטינקטיוו רעאקציע איז געקומען בייסיג. אנשטאט זיי זאלן ענטפערן א פארוואס, קעגנקומען און אפהאנדלען די נייע שטייער אפשאצונג, איז וואודבורי'ס ענטפער געווען מיט א פארלאנג אויפצוקומען מיט גענויע חשבונות איבער די פייפליין קאסטן און אלע דעטאלן ארום דעם געבוי, נאכדעם וועלן זיי הערן ווייטער.

האט מען געזען אז זיי ווילן נישט רעדן און האנדלען, נאר אויסניצן זייערע רעכטן ארויסצופרעסן שטייער געלטער (ווארשיינליך צו האבן פינאנצירונג פאר די געריכט קלאגעס צו שטערן דעם

(פארזעצונג אויף זייט 17)

אין ליכט פון די באריכטן ארום די אומבארעכטיגטע פייפליין טעקסעס דורך וואודבורי איז פובליצירט געווארן דורכ'ן ווילעדזש און אפ-עד אינעם טיימס העראלד רעקארד ווי פאלגענד:

מיין בליק: פארהאנדלען איז שליסל צו שליכטן פייפליין אישו

וואסער איז צווישן די מערסט-פונדאמענטאלע מענטשליכע געברויכן. מ'קען נישט לעבן אָן וואסער. די קרית יואל ווילעדזש איז נישט אימיונט צו איר וואַסער-געברויך. אין די לעצטע פערציג יאר זייט קרית יואל שטייט, איז די ווילעדזש באפעלקערונג געוואקסן צו איבער 23,000 מענטשן (בליעה"ר).

דאס וואסער באדערפעניש איז אפט איבערגעשטיגן אונזער מעגליכקייט דאס צו סערווירן. אונזערע קוועלער טוען זיך ענג גרעניצן מיט אונזער וואסער פארלאנג. יא, דורכאויס ברייטע פעריאדן ביי אונזער העכסטן באנוץ, האט וואסער געמוזט געליפערט ווערן צו דער ווילעדזש. לויט ווי אונזער באפעלקערונג וואוקס גאלאפירט, וועלן מיר מוזן ווייטער זיך ספראווען אין געיעג צו אונזער פליכט צוצושטעלן די אלגעמיינע סערוויסעס צו אונזערע איינוואוינער.

דאס איז צוליב וואס מיר האבן נאנט צו צוואנציג יאר צוריק אנגעהויבן פלאנירן זיך אנצושליסן אינעם ניו יארק סיטי עקוואדאקט.

וויבאלד ס'איז עסטאביליזירט געווארן א געזעץ אין ניו יארק סטעיט געזעץ-הויז אין 1905 (למספרם), אז יעדע טאון, ווילעדזש, סיטי אדער וואסער דיסטריקט, אין קאונטיס וואו די סיטי באארבעט איר וואסער אינפרוסטרוקטור, האט אן "אבסאלוטע אנשליסונג רעכט צום ניו יארק סיטי'ס סופליי", האט די קרית יואל ווילעדזש אנגעהויבן די לאנגע און שווערע פראצעדור צו שאפן צוטריט צו אזא סארט וואסער נערונג וואס וועט צושטעלן א באגנוגנדע סופליי פאר איר וואקסנדער קאמיוניטי.

אלנפאלס, באלד צוויי-צענדליג יאר דערויף איז דער פראיעקט נאך אלץ אומגעענדיגט. אין צייט וואס מיר האבן געמאכט גרויסע באמיאונגען דאס צו האבן פערטיג, האבן זיך פארמירט א צאל בלאקאדעס לענגאויס דעם וועג. די מערסט לעצטיגע איז געווען א ליטיגאציע, עווענטועל אומסוקסעספול, פון ארומיגע קאמיוניטיס צו דערשטיקן די פראצעדור און אונז צוריקהאלטן פון ניצן דעם פייפליין.

די "טיימס הערולד-רעקארד" האט לעצטנס באריכטעט אז די קרית יואל ווילעדזש און די טאון אוו וואודבארי זענען אין פארהאנקערונג בנוגע א שטייער אפשאצונג אויפ'ן פייפליין פראיעקט.

אין אונזערע אויגן טוט דער באריכט נישט אינגאנצן אדער יושר'דיג שילדערן דעם ווילעדזש'ס שטעלונג. מיר באהויפטן אז ס'איז אן אומ'יושר און אומצוגענגליך ארויפצושטעלן א שטייער אויף א פייפליין וואס מיר זענען דערווייל נישט ערמעגליכט צו ניצן (אין א באדייטנדן טייל, צוליב די שטייפע ליטיגאציע וואס די טאון האט קאארדינירט דאס צו פארבאטן).

מיר ווייסן אז מ'קען ציטירן ביישפילן פון מוניציפאליטעטן וואס רעכענען שטייערן פון יוטיליטיס און אינפרוסטרוקטור פון אנדערע מוניציפאליטעטן וואס לויפט דורך זייער שטייער יוריסדוקציע; ניו יארק סיטי צאלט שטייער צו אפסטעיט געגענטער וואו אירע רעזערווארן געפינען זיך. אויך קען מען זען ווי איינריכטונג פון פובליק יוטיליטיס ווערן אפט גערעכנט דורך מוניציפאלע גאסט-געבער. סיי ווי אזוי, קען מען אבער אויך זען ביי א צאל פעלער ווי שכנות'דיגע מוניציפאליטעטן שענקען א פולע שטייער באפרייאונג, און ס'איז א רוטין ביי פובליק יוטיליטי קאמפאניס אויסצוארבעטן אפמאכן מיט די געמיינדעס איבער שטייער פאר עלעקטערישע טראנסמישאן און געז ליניעס.

אונזער טעמע דא איז נישט די שטייער רעכענונג קאנצעפט, אבער מיר זענען דא איבער די אומשטענדן ווי אזוי די רעכנונג איז געשטעלט געווארן. מיר גלויבן אז די אישוס וואס מיר האבן מיט וואודבארי קען געשליכטעט ווערן אין א בעסערן וועג, דורכאויס יושר און ריכטיגע פארהאנדלונגען איבער'ן ווערד פון אונזער פייפליין – איינמאל ס'פונקציאנירט.

אין צייט וואס קרית יואל'ער איינוואוינער וועלן זיין די באלדיגע בענעפעטירער פונעם פייפליין, וועלן אין די ענדע אלע אין אראנדזש קאונטי בענעפיטירן, וויבאלד איינמאל מיר האבן וואסער-צוטריט צום נ.י. סיטי עקוואדאקט, וועלן מיר מער נישט זיין אנגעלייגט אויף לאקאלע קוועלער בעת יענץ וועט זיין אונזער צענטראלע וואסער נערונג. אין צוגאב, אונזער פייפליין עסטאבליזירט א ביישפיל פאר אנדערע קאמיוניטיס נאכצופאלגן.

צום שלוס, מיר זענען שטענדיג דא צו קלויבן א צוגאנג פון פארהאנדלען און ארבעטן אינאיינעם מיט אונזערע שכנים. ווי מיר האבן געצייגט מיט דער פארמירונג פון טאון אוו פאלם טרי, קען מען צוזאמען געפינען לעזונגען פון וואס אלע צדדים זאלן בענעפיטירן און פארזעצן מיט א שלום אטמאספערע ארום די קאמיוניטיס. דאס וועט זיין א בריקל נישט בלויז פאר קרית יואל און וואודבארי, נאר פאר אלע אין אראנדזש קאונטי.

ווילעדזש אדמיניסטראטאר פון קרית יואל



Municipality of V. Woodbury, Woodbury

SWIS	335809	Tax ID:	999-7-1

Tax Map ID / Property Data

Status:	Active	Roll Section:	Utility/RR
Address:	Kiryas Joel Pipeline		
Property Class:	822 - Water supply	Site Property Class:	N/A
Ownership Code:			
Site:	N/A	In Ag. District:	No
Zoning Code:	N/A	Bldg. Style:	N/A
Neighborhood:	N/A	School District:	Monroe-Woodbury
Property Description:	Legal description not given for property		
Total Acreage/Size:	0 x 0	Equalization Rate:	----
Land Assessment:	2017 - $0	Total Assessment:	2017 - $1,514,800
Full Market Value:	2017 - $3,632,600		



Tax Bill Information

Municipality of V. Woodbury, Woodbury

SWIS:	335809	Tax ID:	999-7-1

Tax Summary

Taxes reflect exemptions, but may not include recent changes in assessment.

Tax Year	Tax Type	Original Bill	Total Assessed Value	Full Market Value
2018	County	$10,808.15	$1,514,800.00	$3,632,600.00
Display Details for Taxes Levied in 2018				
2017	School	$41,909.03	$1,514,800.00	$3,632,600.00
Display Details for Taxes Levied in 2017				



Municipality of V. Woodbury, Woodbury

SWIS	335809	Tax ID	999-7-2

Tax Map ID / Property Data

Status:	Active	Roll Section:	Utility/RR
Address:	Kiryas Joel Pipeline		
Property Class:	822 - Water supply	Site Property Class:	N/A
Ownership Code:			
Site:	N/A	In Ag. District:	No
Zoning Code:	N/A	Bldg. Style:	N/A
Neighborhood:	N/A	School District:	Cornwall
Property Description:	Legal description not given for property		
Total Acreage/Size:	0 x 0	Equalization Rate:	----
Land Assessment:	2017 - $0	Total Assessment:	2017 - $704,600
Full Market Value:	2017 - $1,689,700		



Tax Bill Information

Municipality of V. Woodbury, Woodbury

SWIS:	335809	Tax ID:	999-7-2

Tax Summary

Taxes reflect exemptions, but may not include recent changes in assessment.

Tax Year	Tax Type	Original Bill	Total Assessed Value	Full Market Value
2018	County	$14,330.23	$704,600.00	$1,689,700.00
Display Details for Taxes Levied in 2018				
2017	School	$13,522.86	$704,600.00	$1,689,700.00
Display Details for Taxes Levied in 2017				

וואודבארי לייגט אַרויף ריזיגע שטייערן אויפ'ן קרית יואל פייפליין -פאר'ן יאָר 17-18′ ווען עס איז נאָך אפי' נישט אַריין אין באַנוץ

2 מיליאן דאלאר סטעיט גרענט

(פארזעצונג פון זייט 4)

וואס ליגט נאך איינגעקריצט ביי די דעמאלטסדיגע תושבים וואספארא ישועה יענע גרענט איז געווען פאר די סעיפטי, זיכערהייט און באקוועמליכקייט פון אלע איינוואוינער, איז זיין נאמען פארשווארצט געווארן דורך די רעקארד קאלומניסטן.

די טונקעלע לאזונגען פאר יעדן פאליטישאן וואס האט נישט געשפאנט אין ליניע פון די האס-געטריבענע צייטונג שרייבער, איז גענוצט געווארן איינמאל און נאכאמאל ביי יעדן סארט גרענט און הילף וואס עמיצער האט אינטערווענירט דערפאר פאר קרית יואל.

שוין יארן וואס אזא פראנט פעידזש ליגט שוין צוגעגרייט אין די רעקארד דרוק צימער, די זעלבע חברה וועלכע האבן יארן דערנידערט גוטע פריינט צו קרית יואל, זענען יעצט אויסער זיך פאר שמחה אז "קיינער וויל זיך נישט אידענטיפיצירן אלס צושטאנד ברענגער צום 2 מיליאן דאלאר גרענט". און ס'לאזט זיך אויסבעסערן דעם זאץ "קיינער וויל נישט זיין אידענטיפיצירט און אראפגעריסן ווערן אין רעקארד פאר'ן צושטאנד ברענגען דעם 2 מיליאן דאלאר גרענט".

מ'איז נישט צופרידן געווען מיט'ן באצירן די אמה-על-אמה פאדערשטע זייט מיט ברייט-שרייענדע בוכשטאבן איבער די גרענט צושטאנד ברענגער מיסטעריע, נאר מ'האט דאס צוגעשטעלט צו א בילד פון קרית יואל, ווען דערנעבן ליגט אנגעהויפנט בינטלעך גרינס, וואס דארף אויפשטורעמען דעם גאנצן האדסאן וואלי ראיאן, קרית יואל איז איצינד נתעשר געווארן פון א 2 מיליאן דאלאר וואס וועט פארריכטן עטליכע צובראכענע ראודס.

די נייעס באריכט אין די ערשטע בלעטער, אויסגעשפרייט אויף 2 פולע זייטן, פארציילט איבער אן אומפארשטענדליכע מיסטעריע, וועלכער אלבאני געזעצגעבער האט געספאנסערט דעם גרענט?

לויט זייערע קוואלן, יעדע אלבאני גרענט ווערט צוגעצייכנט אין די רעגירונג ליסטע וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך די "דארמאטארי אויטאריטי", צו א פאליטישאן געווענליך פון יענעם דיסטריקט וואו די גרענט איז געגאנגען, וואס ער האט גע'שתדל'ט דערפאר. דא ווערט אבער נישט צוגעצייכנט א פאליטישאן, ס'ווערט בלויז דערמאנט אז 2 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן פאר'ן "הייוועי און פיסגייער זיכערהייט אינפרוסטרוקטור אימפראוומענטס" אין קרית יואל, וואס קומט פון סענאט.

די צייטונג האט געווידמעט צייט און נאכגעפארשט די מיסטעריע. סענאטאר לארקין וואס פארטרעט קרית יואל, זיינע געהילפן ווילן נישט קאמענטירן דערויף. זיי האבן ווייטער טעלעפאנירט די דארמאטארי אויטאריטי אינסטאנצן, פארשידענע סענאט קאמיטע פארזיצער, און מיט די צייט אויפגעקומען בלויז מיט דאס אַז די רעפאבליקאנער קאָנפרענץ האָט דאָס אויטאָריזירט אבער מ'האט נישט געקענט ערהאלטן אַ קלארן ענטפער ווער ס'נעמט קרעדיט פאר'ן שאפן דעם גרענט פאר קרית יואל.

אויב וויל די צייטונג באמת דערגיין פארוואס קיינער נעמט נישט קעדיט פאר דעם גרענט, און פארוואס מען זעט דא נישט די רוטינע בילדער וואס מאנגלט נישט אין דער זעלבער צייטונג ווי פאליטישאנס פאטאגראפירן זיך ביי פארשוואנדערישע צערעמאניעס מיט גרויסע טשעקס, ביים צושטעלן גרענטס פאַר וויכטיגע און אומוויכטיגע פראיעקטן לענגאויס דעם ראיאן, דארף זי אפירקראצן פון שופלאד א נייעס באריכט פון מאי 12 יאר 02' למס', וואס געט אלעס צו פארשטיין.

ס'איז דאן געווען א קעפל "די טיפע טאשן פון קרית יואל", מיט אן אנהויב "אין 5 יאר, האט די ווילעדזש געווינען מיליאנען מער אין גרענטס ווי סיטיס". צוערשט שילדערן זיי דעם געוואלדיגן 'אומרעכט' אז "קרית יואל'ע באאמטע האבן זיך צונויפגעזאמלט ביי סאטמאר דרייוו צו אנאנסירן דעם אנהויב פון א 1.6 מיליאן סיידוואלק פארריכטונג פראיעקט. מעיאר (הרה"ח ר') אברהם ווידער (הי"ו) איז געשטאנען אין צענטער און געגעבן א רעדע ערקלערנדיג די וויכטיגקייט פון סיידוואלקס פאר די חסיד'ישע באפעלקערונג וואס איז געשטאפט מיט פיסגייער, און באדאנקט גאווערנאר פאטאקי און סטעיט סענאטאר לארקין פאר'ן העלפן דעליווערן די 1.3 מיליאן אין סטעיט גרענטס צו דעקן מערסטנס פון די קאסטן".

דאן ציטירן זיי פון א פריערדיגע שטודיע זייערע, אז קרית יואל האט באקומען די לעצטע 5 יאר 6 מיליאן דאלאר מער אין גרענטס פאר אינפרוסטרוקטור, ווי די גרויסע אפסטעיט סיטיס, ניובורג און מידעלטאון,ביידע דאפלט אין געאגראפישע גרויסקייט פון קרית יואל.

דאס פארציילן זיי אבער נישט אז קרית יואל - האלב אין גרויסקייט פון ניובורג און מידעלטאון - האט אבער אפשר מער איינוואוינער און זיכער פיל מער פיסגייער ווי יענע 'גרויסע' סיטיס, און אַזאַ שנעלע וואוקס ראַטע קע"ה אפשר 10 מאָל אַזויפיל ווי יענע, און אפשר איז דאס די סיבה פארוואס מ'מוז אזוי וויכטיג לעבן אויף רעגירונג גרענטס צו קענען ריכטיג סערווירן די מוניציפאלע סערוויסעס?! פארוואס מ'דארף אזוי דרינגנד כסדר האבן סייד-וואלקס און וואסער-סוער איינריכטונג פארברייטערונגען?!

אזא נייעס באריכט איז בלויז א ביישפיל מיט וואספארא פענעס מ'האט אראפגעשילדערט די גרענטס אין וואס קרית יואל נויטיגט זיך ווי אקסעגין-לופט. ס'איז קיין וואונדער פארוואס מ'האט זיך צום באדויער דערקייקלט צו אזא שטאנד אז א פאליטישאן זוכט זיך נישט איבריגע קריטיק ווען מ'וועט ליינען אין רעקארד אז ער האט געהאלפן קרית יואל'ע פיסגייער האבן זיכערע ראודס.

די גרויסע סיעתא דשמיא און העכערע כוחות וואס באגלייט שטענדיג די הייליגע שטאט קרית יואל מיט אירע טויזנטער איינוואוינער, האט זיך דא ווידער ארויסגעשטעלט, ווען נאָך לאַנגע אַכט חדשים פונעם ערשטן אויטאריזאציע פארן גרענט איז עס פולקאם אונטערגעשריבן און באשטעטיגט געווארן פאר קרית יואל דורך אַלע סטעיט ביוראָקראַטיע בלויז געציילטע טעג איידער די רעקארד האט זיך דערוויסט און העצעריש באריכטעט, וואס אַנדערש וואלט עס מעגליך געקענט פירן צו לאנג-פאַרצויגענע יארן פארשלעפונגען צו האבן דעם גרענט באשטעטיגט.

ס'איז צום האפן אז די סיעתא דשמיא וועט ווייטער באגלייטן צו קענען צושטאנד ברענגען די פלענער צו א רעאליטעט אינגיכן. און ווי באַריכטעט אין אן אַנדער אָרט אין היינטיגן נומער ווערט אין די יעצטיגע חדשים אויסגעארבעט די אילוסטרירונגען ווי אזוי דורכצופירן די מאסיווע גאסן טראנספארמירונג אויף וואס די תושבים קוקן ארויס צו זען אלס מציאות בעז"ה.





אין איינקלאנג מיט פרישן גרענט וועלן 5,450 פיס, חלקים פון סאטמאר\העיס\ריזשין\מירון\קארטער\זענטא גאסן, ווערן אויסגעברייטערט און איבערגעמאכט

העפטיגע אינדזשענירונג אַרבייט איבער אויסברייטערונג פון פאַרנומענע ראָודס און סיידוואָלקס

ווי שוין געמאלדן אין פאריגער הקרי' אויפ'ן שפיץ-גאפל, איז ב"ה געלונגען דורכ'ן הנהלת הקרי' צו געניסן פון א 2 מיליאן דאלאר סטעיט גרענט פון אלבאני, אלס טייל פון די כסדר'דיגע "הייוועי און פיסגייער זיכערהייט אימפראוומענטס" פראיעקטן, אן אונטערנעמונג וואס צילט צו טראנספארמירן די קרית יואל'ער ראודס צו קענען דערהייבן איר שטאַרק-ווירבלנדער און וואקסנדער פארקער.

דער ענד-ציל און אויסגעהאמערטע פלענער רעדט מען דא פון מעגא-פלענער וואס וועט אפקאסטן מיליאנען דאָלאַרן דורכצופירן. זינט מ'האט אין ווילעדזש קארידארן אנגעהויבן דיסקוסירן דערוועגן, האט מען גלייכצייטיג אינטערוועניירט שתדלנות צו שאַפן די גרענטס וואס זאלן פינאנצירן די נויטוויכטיגע פראָיעקטן און דאס זאל נישט דאַרפן קומען אויפ'ן חשבון פון די שטייערצאָלער; די תושבים זאלן אויף די איבערגעמאכטע ראודס קענען פארן און שפאצירן מיט אַ זיכערקייט בס"ד אָן ס'זאל זיי קאסטן אן עקסטערן אפותיקי ביים שטייער ביל.

אפעלירנדיג פאר א גרענט צו קענען אנהויבן מיט'ן פראיעקט, האט מען צוערשט געלייגט געוויכט ברייטער צו מאכן די ראודס אויפ'ן אויבן-אן אין דעם קאמפליצירטן 'טראפיק סוגיא' אין שטאט, אזעלכע ראודס וואס פאדערט א קריטישע הרחבה, סיי אלס טראפיק אפאטעמונג פאר איר אייגענעם פארקער, און סיי ווייל אין די גאַסן זענען מער קאָנצענטרירט דער פאַרקער און דורכפאָר-פונקטן.

מ'האט געשטעלט א פריאריטעט אויף וויכטיגע חלקים פון די פאלגנדע 6 גאסן, נאך א שטודיע אויספיר צו שענקען פאר זיי א דין קדימה: סאטמאר דר., העיס קט., ריזשין רד., מירון דר., קארטער לעין, און זענטא רד.

די אינדזשעניר פירמע "לעבערדזש", באזירט אין אלבאני, איז אויסגעקליבן געווארן צו דעזיינען דעם פראיעקט, און נאך אום מאי 17' למספרם, זענען פירמע פארשטייער שוין געזיצן מיט ווילעדזש פארשטייער צו דערגרינטעווען דעם יעצטיגן סטאטוס ביי די באטרעפנדע גאסן, און וואס מ'וויל עררייכן.

אן אויסגעצייכנטע שטודיע איז דורכגעפירט געווארן צו שטודירן דעם טראפיק געשטעל וואס האט אידענטיפיצירט א מהלך צו א געזונטער לעזונג צום אנגעשטויסענעם פארקער דורכאויס די גאסן אין רעזולטאט פונעם שטארקן וואוקס בליעה"ר.

אין די פאַרגאַנגענע וואָכן איז בס"ד געוואָרן אונטערגעשריבן דער גרענט דורך די סטעיט אַגענטורן אין אלבאני, ווי שוין באַזונדער באַריכטעט אין היינטיגן נומער.

און אַצינד זיצן די אינדזשענירן אויסצו-אַרבעטן די ווייטערדיגע פונקטן איבער די פלענער, וואס מיר האפן בעז"ה ווייטער צו האַלטן אינפאָרמירט דעם ציבור.



מאפע פון די אלע גאסן וועלכע וועלן בעז"ה ווערן איבערגעפלאסטערט, א דאנק דעם פרישן גרענט



חברים דקרית יואל
KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
KJ
Orange County, New York
KJUFSD
לאז דיך
באמערקן
איך קען דיר נישט זען
און א רעפלעקטאר!
ונשמרתם
מיין לעבן איז
מיר טייער
YMW / STAR MEDIA

שערי חמלה ווינקל

סוקסעספולע ערשטע יאר אפגעצייכנט אין שערי חמלה "וואקעישאנעל פראגראם"

בעפארצוגרייטן תלמידי המוסד מיט צוגעפאסטע נאך-גראדואירונג באשעפטיגונג – פראקטיצירונג צו צוקונפטיגער קאריערע אין אויסגעשטאטן "פעיס לעב" צימער וואס שטעלט פאָר 264 סארטן פראפעסיעס

די וואקסנדע באמיאונגען ארויפצוברענגען די טייערע תלמידים ותלמידות אין מוסד הק' שערי חמלה, ערלויבט צו שניידן זאפטיגע פירות. א ביישפיל האט מען פון דעם גוטגייענדן "וואקעישאנעל פראגראם" וואס איז נישט לאנג צוריק איינגעפעדעמט געווארן אין מוסד, און די סוקסעס ראטע איז געוואלדיג הויך ב"ה.

"וואקעישאנעל פראגראם" איז געווידמעט פאר קינדער העכער פופצן יאר, ארויסצושעפן די אינערליך באהאלטענע טאלאנטן, דערגיין זייערע פעאיגקייטן און באליבסטע סארט באשעפטיגונג, און דאס פראקטיצירן מיט זיי אלס מיסיע זיי גרייט צו מאכן צום יארגאנג 21, ווען זיי וועלן גראדואירן פון מוסד און זיי ברויכן זיין באזארגט מיט א פאסיגער באשעפטיגונג קאריערע.

אייגנטליך איז דאס א וויזיע פונעם מוסד וואס גייט צוריק אסאך יארן. מ'האט שטענדיג באטראכט מיטלען ווי אזוי צוצוגרייטן די קינדער העכער די פופצן, ווען זיי זענען שוין א בר הכי אויסצופירן פליכטן מיט א געטריישאפט און פונקטליכקייט, צו זיין אויסגעשטאט מיט אן אומנות קלה ונקי', קוקנדיג א בליק פאראויס ווען זיי וועלן בעז"ה ארויסגיין פון די מוסד ווענט.

פילע קענען עדות זאגן וואספארא ישועה אזא צוגרייטונג אונטערנעמונג איז פאר די קינדער. מ'קען כסדר זען גראדואירטע תלמידים שטעלן צו אויסגעצייכנטע ארבעט אין געשעפטן – קאסטומער סערוויס, רעדזשיסטער, סארטירן אייטעמס, און נאך – בעקערייען, רעסטוראנטן, און די ליסטע גייט אסאך ווייטער. ס'איז שווער צו טראכטן וואס די טייערע קינדער וואלטן געטאן אין די דאזיגע ימי עמידה, אָן האבן די נויטיגע פראקטיצירונג און אויסאיבונג אין די פריערדיגע יארן.

גייענדיג א שטאפל העכער, איז אוועקגעשטעלט געווארן די פרישע "וואקעישאנעל פראגראם" אפטיילונג, מיט פרישע שטאב מיטגלידער מיט ערפארונג און אויסגעצייכנטע טרענירונג אין דעם פעלד, ארייצושטעלן אלע הויך-שול קינדער אין זייערע צוגעפאסטע פרנסה פאזיציעס אין וואס זיי וועלן מיט'ן איבערשטנ'ס הילף עוסק זיין די נאכפאלגנדע שולע-יארן.

צווישן די צימערן אויפ'ן צווייטן שטאק פלאטערט א באשיידענע טאוול "PAES lab", וואס פארציילט נישט אויסערליך איבער איינפלוסרייכע אקטיוויטעטן צווישן אירע ווענט. דער צימער שפרודלט מיט די שפיץ-אקטיוויטעטן צו פארפולקאמען די וואקעישאנעל פראגראם צילן.

PAES, די אקראנים פאר "פראקטיקעל אסעסמענט עקספלארעישאן סיסטעם", איז אן אפטיילונג פון א פלארידע-באזירטן אינסטיטוט "טעלענט אסעסמענט", וואס האט אפיסעס און פארשטייער איבער'ן גאנצן לאנד, געצילט ארויסצושעפן דעם ריכטיגן טאלאנט ביי ספעציעלע קינדער, דאס פראקטיצירן מיט זיי ביז'ן פעאיג זיין ארויסצוגיין צו דער ארבעט.

די לאנגיעריגע שערי חמלה מיטארבעטארין מרת בעיקער האט גענומען די "פעיס" טרענירונג פאר איבער א יאר, ביז מ'איז גרייט געווען צו גרינדן דעם פראגראם צווישן די מוסד ראמען. מ'האט רענאווירט א צימער, מאכנדיג דאס גרייט אלס "פעיס לעב" צימער, און ס'האט אנגעהויבן פונקציאנירן לעצטן יאר נאך פסח. אין די קומענדיגע פאר וואכן וועט אפגעצייכנט ווערן א פולע שולע-יאר פון ווען דער סיסטעם איז אריין אין קראפט, צייגנדיג שטוינענדע רעזולטאטן.

דער סיסטעם איז געניאל. ווען מ'כאפט א בליק אויף די צימער ווענט, איז מען באגייסטערט. אויף גרויסע שילדן זענען דעטאלירט אלע סארטן באשעפטיגונגען וואס ווערן פראקטיצירט אין דעם צימער. דער חידוש איז, אלע קינדער פון העכער פופצן זענען טייל פון דעם פראגראם, אפגעזען דער פונקציע שטאפל. מיט הלל'ס געדולד שפאנט מען מיט'ן קינד פון פראפעסיע צו פראפעסיע, ביז 'ס'קליקט'; מ'זעט אין וואספארא טאלאנט ער/זי איז אויסגעשארפט און וואספארא סארט פראפעסיע ס'איז זיי דאס מערסטע געאייגנט.

אין טאטאל שטעלט דער צימער צו לעקציעס אויף 264 דזשאבס. די פינף צענטראלע קאטעגאריעס זענען: 1. קאנסטראקשאן, 2. פראסעצירונג, 3. קאנסומער, 4. ביזנעס מארקעטינג, 5. קאמפיוטער. אונטער יעדער קאטעגאריע איז קלאסיפיצירט א ברייטער אויסוואל דזשאבס וואס פאלן אונטער דער קאטעגאריע. ביי "קאנסומער" האט מען אן אויסוואל פון: אפוועגן עסנווארג, צורישן מאלצייטן, קיך אפלייענסעס, מעסטן קליידער, נייען, שטוב ארדענונג, א.א.וו. ביי "ביזנעס מארקעטינג" האט מען אן אויסוואל פון: אויסשטעלן ליסטעס, אידענטיפיצירן בריוו, פיילן בריוו, סארטירן לויט נומערן, קאלעקטן, קעש רעזשיסטער, טייפן. אויף אזא שטייגער זענען די איבעריגע קאטעגאריעס.

ביי טייל קינדער כאפט מען גרינג אויף וואס ס'ציט זיי, ווידעראום ביי אנדערע איז עס א געשיכטע פון וואכן צי חדשים בלויז ביז זיי סיגנאליזירן זייער אומנות באגער. איינמאל מ'הייבט אָן אויסצולערנען דעם פאך, גייט עס דורך זעקס שטאפלען. מ'ארבעט אויף דעם אויסגעקליבענעם דזשאב צוערשט אויף שטאפל 1, און ווען זיי זענען דערין גענוג געשולט, גייט עס צו נומער 2, א.א.וו. ביז זיי זענען דערין באהאוונט מיט א געשיקטקייט.

רינגס ארום דעם צימער זענען אויסגעלייגט די כלי מלאכה פאר יעדן דזשאב. מ'זעט ניי-מאשינען, טול-באקסעס, קלענערע קיך איינריכטונגען, רעדזשיסטער מאשינען, סארטיר באשטאנדטיילן, וכדו'.

די ערשטע שטונדע אין טאג איז געווידמעט פאר דעם וויכטיגן צוועק; פאר די בחורים דינסטאג און דאנערשטאג און פאר די מיידלעך מאנטאג און מיטוואך. מ'קומט אריין אין צוויי שיפטס, פון 9:30 ביז 10:30, יעדע שיפט א האלב שטונדע. צומאל גייען אריין גרעסערע גרופעס צו הערן אלגעמיינע לעקציעס.

לויט שטאב מיטארבעטער אין די קינדער'ס געוועגליכע לערן-קלאסן, האט דאס א שטארק פאזיטיווע ווירקונג אויף די אלגעמיינע לימודים אויך. דאס ברענגט ארויס זייערע ריכטיגע טאלאנטן, אזוי קען מען האבן א בעסערע קאאפעראציע און מיטארבעט ביי די לימודים.

דער צימער ווערט כסדר אויסגעשטאט מיט פרישע ערפינדונגען און מעטאדן, ווערנדיג באגלייט און אנגעפירט דורך מרת בעיקער וועלכע האלט ווייטער אָן קאמוניקאציע מיט'ן "טעלענט אסעסמענט" אינסטיטוט, איבערהויפט מיט זייער ניו יארקער פארשטייער, פרוי דזשאנגער.

דער צימער ווערט פרייטאג פארוואנדלט אין א מארק. א גרויסער פלאקאט פארציילט איבער א "פאלם רויעל באנק". יא, די קינדער שטעלן זיך אין א ליניע צום באנק ארויסנעמען זייערע פארדינסטן נאכ'ן שפענדן אזא הארעוואניע אין זייער דזשאב מיט אזא געטריישאפט און אחריות. די לוין איז געוואנדן אין די קענטעניסן און פארשריט, נישט בלויז אין דעם צימער. מ'נעמט אויך אין באטראכט גוטע אויפפירונג אין כתה.

מיט'ן געהאלט אין האנט, גייט מען אביסל אהינציר וואו מ'קען איינקויפן שיינע באלוינונגען. די קינדער גייען ארויס גליקליך און צופרידן מיט די אויסגעקליבענע מתנות. מ'מוז נישט אלץ קלויבן א ממשות'דיגן געשאנק. ס'איז פאראן אן אפציע פאר "15 מינוט עפענען דעם עלעוועיטאר טיר", "זיין די ערשטע אין רייע ביים אהיימגיין", וכדו'. אזוי נעמען די קינדער ארויס דאס מערסטע פון זייער ארבעט.

דער פרייטאג מארק פונקציאנירט יעדע וואך, איין וואך פאר יונגלעך און די צווייטע פאר מיידלעך.

אה, דער עיקר האט מען פארגעסן, די קינדער דארפן "פאנטשן" א קארד ביים אריינקומען צו זייער ארבעט. יעדעס קינד האט אן אידענטיפיקאציע קארטל און מ'צייכנט זיך אריין ביי די רוטינע 'גיין צו דער ארבעט', אזוי שטייגן זיי אויס ערנסטע ארבייטער פולקאם גרייט צו גיין זוכן א גוטע שטעלע מיט פיל הצלחה און סוקסעס ביי זייערע צוקונפטיגע ארבייטסגעבער בעז"ה.

מ'פאנטשט אריין צום ארבעט

דאס געלט באנקנאט מיט וואס די קינדער ווערן באלוינט לויט זייערע ארבעט פארשריט

די 263 סארטן פראפעסיעס

געלונגענע לעקציע פאַר שטאב מיטגלידער

מאנטאג ויחי איז שערי חמלה אפיציעל געווען געשלאסן צוליב דעם חגא טאג. האלטנדיג א ציל צו העלפן די קינדער שטייגן אין אלע הינזיכטן, האט מען פארנוצט דעם טאג אויף א וויכטיגער איבונג צו זיין גרייט אויף די טעג ווען די שערי חמלה טויערן זענען יא אפן, די קלאסן ווירבלען מיט די רוטינע סדרי הלימודים, זאל מען דאס קענען איבערגעבן מיט די ריכטיגע מעטאדן.

די שטאב מיטגלידער זענען אריינגעקומען אויפ'ן טאג דורכצוגיין א טיפזיניגע לעקציע קונה צו זיין די ריכטיגע קאמיוניקאציע דירעקט צום מח פונעם קינד, א געצייג פאר שטאב מיטגלידער אין די קלאסן, ווי אזוי צו האבן איין שפראך און פארשטאנד פון אלע תלמידים אין קלאס.

איבערגעגעבן די לעקציע האט דער געטרייער מיטארבעטער מו"ה יוסף וועבער הי"ו, זיצנדיג מיט די צענדליגער קאלעגעס אין די צענטראלע טאָג-שטונדן, דורכגייענדיג שטאפל נאך שטאפל ווי אזוי צו זיין געשולט אינעם ספעציעלן קעריקולעם.

דער פראגראם קאנצענטרירט די קינדער אין זעקס קאטעגאריע פונקציאנירונג-שטאפלען, און ס'שטעלט אויס די לימודים מיט א צוגאנג דאס זאל קענען כאפן זייער פארשטאנד, בבחי' מקרא אחד יוצא לכמה טעמים; דער מלמד גיט איבער דעם קלאַס-לימוד פאר אלע קינדער, און יעדער נעמט עס אויף לויט זיין פארשטאנד-שטאפל, עלימינירנדיג דעם פארלאנג זיך צו מוטשען מיט'ן ערקלערן די טעגליכע לימודים באזונדער פאר יעדן קינד לויט זיין שטאפל, וואס האט ביז היינט געקענט פארקריפלען דעם סדר היום.

לויט די איינגעשטעלטע, שטעלט זיך דאס ארויס אלס פונדאמענטאלער הילף-געצייג אין קענען נענטערברענגען דעם ציל: הייבן דעם קינדער צו די שענסטע ניווא.

בס"ד

א דאקטאר מיט "הארץ"

מיט גרויס סאטיספאקציע טוען מיר מעלדן, אז עס ווערט צוגעשטעלט
סערוויסעס PEDIATRIC CARDIOLOGY
איינמאל א חודש

דורך דעם בארימטן קינדער הארץ דאקטאר
Rubin S. Cooper, MD
Chief - Cohen Children's Medical Center, Division of Pediatric Cardiology

Cohen Children's Medical Center
Northwell Health

פאר אן אפוינטמענט ביטע רופט די פידיעטריק דעפארטמענט
(845) 782-3242 #3

מיט האפענונג פאר אייער צופרידנהייט
הנהלת עזרת חולים

Ezras Choilim
HEALTH CENTER

49 Forest Road
Monroe, NY 10950
845.782.3242

Chairman
Abraham Wieder

Board of Directors
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

Executive Director
Joel Mittelman

באמערקונגען, בייפאלן, קאמפלימענטס
אדער קאמפלעינטס, רופט אונזער:
"פידבעק" האטליין 774-1699

אינפארמאטיווע "ריעל עסטעיט אווענט" אָפּגעהאַלטן פאַרגאַנגענעם דאָנערשטאָג יתרו העעל"ט

צוגעשטעלט דורך די אָנפירער פון "קעפּיטאַל פּראַפּערטי אינספּעקשאָן" אינאיינעם מיט די בעה"ב פון דער פּאָפּולערער "יעזורו" אויסגאַבע | געדינט אלס פלאטפארם פון אינפארמאציע און עצות בנוגע ריעל-עסטעיט אינוועסמענט און מארטגעדזשעס

פארגאנגענעם דאנערשטאג יתרו אוונט איז אפגעהאלטן געווארן דא אין שטאט א סוקסעספולע "ריעל עסטעיט סעמינאר" אין זאל פון "קרן ויואל משה", וואו עס האבן אויפגעטרעטן א רייע היימישע פראפעסיאנאלן אין פעלד פון ריעל עסטעיט, אינוועסמענט פראפערטיס און מארטגעדזשעס, וועלכע האבן מיטגעטיילט מיט די פילצאליגע באטייליגטע העכסט-ווערדפולע ידיעות, אינפארמאציע און עצות וואס איז הילפבאר פאר יעדן איינעם וועלכער זוכט צו טון ביזנעס אין דעם ריעל עסטעיט מארקעט אדער קויפן א פריוואטע הויז.

דער סעמינאר איז טאקע אויסגענוצט געווארן דורך הונדערטער פאראינטערעסירטע תושבי העיר אויף צו קומען קונה זיין פרישע ידיעות און אינפארמאציע און שאפן נייע קאנטאקטן, צווישן זיי ערנסטע ביזנעסלייט און אינוועסטירער, ביז יחידים און בעלי בתים, וועלכע זענען געקומען הערן די פילע תוכנ'פולע און ווערדפולע לעקציעס בנוגע ריעל עסטעיטס און מארטגעדזשעס.

דער אוונט האט אויך געדינט אלס געלעגנהייט פאר אינגעלייט תושבי העיר וועלכע זוכן ארויסצונעמען א מארטגעדזש אויף א דירה, אדער פלאנירן צו קויפן א דירה אין אדער ארום קרית יואל, צו הערן אלע מעגליכקייטן, פרייזן, מעלות און חסרונות פון יעדן אפציע, און ווי אויך וויאזוי און ווען עס לוינט זיך ארויסצונעמען א מארטגעדזש.

סוף פונעם אוונט איז אויך פארקומען א פראגעס-און-ענטפערס פאנעל, וואו עס זענען ערשינען אלע מומחים און פראפעסיאנאלן אויף דער פלאטפארמע, און עס איז פארגעליינט געווארן א צאל פראגעס וואס איז אריינגעקומען דורכאויס די טעג בעפאר'ן אוונט און בשעת'ן אוונט, און עס איז פארענטפערט געווארן דורך די מומחים קלאר און דייטליך.

*

אלס יושב ראש האט געדינט פה מפיק מרגליות מו"ה אהרן יוסף לאנדא הי"ו, וועלכער האט אנגעפירט מיט'ן גאנצן פראגראם, און עס האבן אויפגעטרעטן א רייע מומחים אין עטליכע געביטן, וואס יעדער האט איבערגעגעבן אינפארמאציע פון זיין פעלד. צום שלוס איז געוועזן א געלעגנהייט פאר די אנוועזנדע צו קענען פרעגן פריוואטע שאלות פון די מומחים, און עס איז געענטפערט געווארן בטוב טעם ודעת.

דורכאויס דעם אינהאלטפולן פראגראם איז אויסגעשמועסט געווארן נוצליכע אינפארמאציע אין פעלד פון

(פארזעצונג אויף זייט 26)

ווילידזש בילינג דעפּט. דרוקט אוים צופרידנהייט נאָך צייטליכע איינמעלדונגען איבער מופן

דער ווילעדזש בילינג דעפט. האט אויסגעדרוקט א שטארקע צופרידנהייט נאכדעם וואס אין די לעצטערע תקופה זעט זיך אָן א שטארקע אויפוואכונג ביי איינוואוינער וועלכע ציען זיך אריבער אין א נייער דירה אריינצורופן צייטליך צום ווילעדזש און איינמעלדן דעם אַדרעס-טויש.

דאס איינמעלדן צייטליך אַן אַדרעס-טויש ווען מען ציט זיך אריבער אין א נייער דירה איז גאר א וויכטיגע זאך וואס טוט פיל פארגרינגערן סיי פאר'ן ווילעדזש און סיי פאר די איינוואוינער, כדי מען זאל נישט באקומען אומריכטיגע וואסער און סאניטאציע בילס פון דער אלטער דירה וואס מען וואוינט שוין נישט דארט.

דאס זיך אריבערציען אין א נייער דירה אין קרית יואל איז גאר אן אפטע ערשיינונג ב"ה, נאכדעם וואס עס בויען זיך בליעה"ר כסדר פרישע דעוועלאופמענטס אין דער שטאט און דער ציבור פארברייטערט זיך בליעה"ר מיט גרעסערע פאמיליעס; די גרעסערע דירות ווערן אנגעפולט און די קלענערע דירות ווערן איבערגענומען דורך יונגערע פארפעלקער וועלכע הייבן אָן אויפצושטעלן זייער שטוב בשעטומ"צ. אזוי ארום אז ווען איינער מופט שלעפט דאס מיט א קייט פון נאך עטליכע משפחות וואס מופן אין דער זעלבער צייט איבערנעמענדיג איינער דעם אנדערנ'ס דירה.

דערפאר איז טאקע וויכטיג אריינצורופן אין ווילידזש אפיס צו איינמעלדן דעם פונקטליכן דאטום ווען מען מופט כדי מען זאל קענען טראנספערירן דעם וואסער און סאניטאציע ביל צום נייעם אדרעס און מען זאל נישט האבן קיין פראבלעמען מיט די בילס פון דער אלטער דירה. ווי אויך זאָל מען אַריינרופן אויב באקומט מען א וואַסער-ביל פונעם אלטן אַדרעס.

דער נומער פונעם בילינג דעפארטמענט איז 783-8300 עקסטענשאן 111.

ויפסח על בתי בני ישראל:

ענדע דעצעמבער נערוועזיטעט איבער גאנץ ניו יארק 'אריינצוכאפן' שטייער דעדאקשען האט אויסגעמיטן קרית יואל

איבער גאנץ ניו יארק זענען מענטשן ענדע דעצעמבער פארוואנדלט געווארן אין א יעקישן כאראקטער.

די שטייער קאסירער וועלכע מוטשען זיך יעדן אנהויב יאר מיט'ן מאנען די פראפערטי שטייערן ווען הייזער-אייגנטימער צעגערן מיט'ן באצאלן זייערע בילס - און דעם לעצטן לאַך געבן די מאנער, ווען מ'לייגט ארויף א געלט-שטראף פאר'ן פעניען - האבן היי-יאר זיך געריבן די אויגן צי ס'איז וואָר. מ'האט נאך ניטאמאל ארויסגעשיקט דעם ביל, און לאנגע ליניעס באלאגערן די אפיסעס מיט מזומן צו באצאלן דעם פראפערטי שטייער פון יאר 18' למספרם.

צווישן די וויכטיגע פונקטן אינעם נייעם "טעקס רעפארם ביל" וואס איז באשטעטיגט געווארן ענדע יאר 17' למס' אין וואשינגטאן, שטארט ארויס עפעס וואס האט אלארמירט מיליאנען אמעריקאנער, און אויף א העכערן שטאפל ניו יארקער בירגער, וואס איז גאנץ אייניג צו קאליפארניע און ניו דזשורזי וואו מ'צאלט הויכע פראפערטי שטייערן.

צווישן די שטייער הנחות וואס די פעדעראלע רעגירונג שענקט פאר "איינקונפט שטייער" (אינקאם טעקס), האט זיך געציילט ביז היינט דער דעקדאקשען פאר "פראפערטי שטייער". אין אנדערע ווערטער, דאס געלט וואס מ'צאלט אין פראפערטי שטייער וואס גייט פאר דער לאקאלער קאונטי, טאַון, ווילעדזש און סקול רעגירונגען, ווערן נישט גערעכנט ביי דער פעדעראלער שטייער קאמיסיע אלס איינקונפט און מ'דארף דערויף נישט אראפגעבן איינקונפט שטייער.

צום ביישפיל, ווען א הויז איז געשאצט צו באצאלן דערויף א יערליכן פופצן טויזנט דאלאר פאר "פראפערטי שטייער", האט מען דערויף נישט גערעכנט איינקונפט שטייער.

דאס איז געווען ביז יארע 18' למספרם. אבער וויבאלד ויקם מלך חדש, פרעזידענט טראמפ האלט זיך צו זיינע קאמפיין פארשפרעכונגען וואס שליסט איין דאס רעפארמירן דעם שטייער סיסטעם אין לאנד, האט ער מקיים פסק געווען. דעצעמבער 21 איז א נייער "טעקס רעפארם ביל" באשטעטיגט געווארן אין קאנגרעס און אין סענאט, און דערנאך אונטערגעשריבן געווארן דורכ'ן פרעזידענט, און ס'איז אריין אין קראפט יאנואר 1 אין נייעם יאר 18' למס', ווען צווישן די בלעטער שיינט ארויס דער פונקט, אַז מ'וועט מער נישט האבן אן איינקונפט שטייער הנחה אויף מער ווי 10 טויזנט דאלאר א יאר אין פראפערטי שטייער. דאס הייסט געשטעלט א "קעפ" אויף דער סארט הנחה.

ס'איז אנטשטאנען א גרויסער ויצעקו אין ניו יארק, א סטעיט בארימט מיט אירע הויכע פראפערטי שטייערן, וואו מ'וועט פון היינט און ווייטער מוזן באצאלן די פעטע איינקונפט שטייער, אפי' אויפ'ן געלט וואס מ'צאלט פאר פראפערטי שטייער, פון צען טויזנט דאלאר און העכער. דאס הייסט, ווען מ'האט א יערליכן איינקונפט פון הונדערט טויזנט דאלאר און דערפון צאלט מען אראפ זעכצן טויזנט פאר פראפערטי שטייער, אנשטאט וואס ביז היינט האט די פעדעראלע רעגירונג גערעכנט שטייערן בלויז אויף 84 טויזנט, וועט מען פון היינט און ווייטער אראפציפן שטייער פון 90 טויזנט דאלאר.

(די ניו יארקער וואלטן אייגנטליך געדארפט טייטלען אויף די ניו יארק רעגירונגען, הלמאי זיי רעכענען אזעלכע הויכע שטייערן?!

דאס איז למעשה די באהויפטונג פון די רעפובליקאנער: פארוואס זאל די פעדעראלע רעגירונג מוותר זיין אויף אזויפיל איינקונפט וואס גייט פאר די לאקאלע רעגירונגען אין פראפערטי שטייער? אויף וועמענ'ס חשבון שטאפן די רעגירונגען זיך אָן מיט די נאכאנאנדע שטייער העכערונגען? אויף די פעדעראלע רעגירונג וואס וועט נישט קענען רעכענען דערויף שטייער?! צו צייגן וואספארא נעגאטיווער אפעקט די פראפערטי שטייער העכערונג האט אויף ניו יאָרק: די יו.עס. צענזוס רעקארד צייגט אז איבער א מיליאן מענטשן האבן איבערגעלאזט ניו יארק זינט 10' צוליב

(פארזעצונג אויף זייט 27)

נ.י. סטעיט הויבט אָן אַרויסצושיקן צו דעם ראַיאָן "סטאַר ריבעיט" טשעקס פון 17' סקול שטייער

מ'קען נאָך אַלץ ערוואַרטן פאַרשפּעטיגונגען אַזוי ווי פאַרלאָפענעם יאָר

אין אנדערע שטייער-קרעדיט נייעס: ווי די לעצטע יאָרן, ווען קרית יואל'ער הייזער-אייגנטימער געניסן פון "ריפאונד טשעקס" טראץ קיין שום העכערונג אין סקול שטייער

ענדע פאַרלאָפענעם זומער האבן ניו יארק סטעיט איינוואוינער ערהאלטן דעם יערליכן "סקול שטייער ביל" פון פינאנץ יאר 17' למספרם, אלס טייל פון די "פראפערטי שטייערן" וואו פראַפערטי אייגנטימער שיידן אראפ שטייערן פאר'ן לאָקאַלן סקול דיסטריקט. דאס ווערט געמאנט אום אוגוסט, און מ'דארף דאס האבן באצאלט ביז א סעפטעמבער 30 דעדליין (אנדערש ווי די קאונטי-טאון שטייער וואס מען צאלט אנהויב יאר למס').

שוין לאנגע יארן וואס ניו יארק סטעיט "שטייער און פינאנץ" דעפארטמענט שטעלט צו פארשידענע פראגראמען לייכטער צו מאכן ניו יארקער הייזער אייגנטימער ווען ס'קומט צו באצאלן די סקול שטייערן. איינער פון די פאפולערסטע פראגראמען האט זיך אנגעהויבן אין די מיטעלע 90' יארן, דאס איז "סטאר ריבעיט", באַקאַנט אַלס "בעסיק סטאַר" פּראָגראַם, וואָס הייסט אז די סטעיט העלפט עטוואָס ארויס דעם ניו יארקער הויז אייגנטימער צו באצאלן די סקול שטייער. דאס האלט היינט ביי א דריי ביליאן דאלאר פראגראם וואס טוט בענעפיטירן ניו יארקער.

וויבאלד דאס איז געצילט צו פארלייכטערן ניו יארקער איינוואוינער וועלכע מוטשען זיך מיט די הויכע לעבנס קאסטן, איז דער פראגראם געווידמעט בלויז פאר הייזער אייגנטימער וועלכע וואוינען אין דעם הויז, ד.ה. ס'איז נישט געקויפט פאר אינוועסטירונג. די זעלבע אויב פאַרמאָגט מען צוויי הייזער, איז די הנחה בלויז פאר דעם סקול שטייער פון איין הויז. אויפ'ן צווייטן קען מען שוין נישט געניסן דערפון. דאס איז היבש א ברייטער פראגראם און מען מעג האבן א יערליכן איינקונפט ביז א האלבן מיליאן דאלאר צו זיין בארעכטיגט צו דעם

(פארזעצונג אויף זייט 25)

חברים דקרית יואל
KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
KJ
Orange County, New York
KJUFSD
לאז דיך
באמערקן
פארוואס האט זיך דער
קאר אפגעשטעלט?!
ווייל דער צדיק'ל דא טוט וואס עס איז ריכטיג!
ער טראגט אויף
זיך דעם גאר וויכטיגן
רעפלעקטאר
לאמיר אלע אנטוען רעפלעקטער'ס און אפטוען די סכנה פון אונז!
STOP
YMW / STAR MEDIA
האט איר באמערקט די לבנה?
די גרעסטע רעפלעקטאר איז די לבנה, וואס זי לייכט צוריק ווייל די זון שיינט אויף איר. סוף חודש ווערט טונקל און מען זעט נישט די לבנה, פארוואס? ווייל די זון באלייכט איר נישט. אן א רעפלעקטאר זענט איר אומזעהבאר ווי די לבנה סוף חודש.
ונשמרתם
מיין לעבן איז מיר טייער

וי אין פאַרגאַנגענע יאָרן:

פאַרנומענע גאַסן וועלן דירעקטירט ווערן אלס "וואָן־וועי" אויף קומענדיגן יו"ט פורים הבעל"ט

"דעעש בלווד." שליסל צו דראסטישער פארלייכטערונג אין פורים-טראַפיק פאַרקער

ווי עס ווערט געמאלדן פון דער ווילידזש "פובליק סעיפטי" דעפארטמענט, וועט אויך היי יאר אי"ה פארוואנדלט ווערן די סטראטעגישע גאסן פון סאטמאר דרייוו, ישראל זופניק, געציל בערגער און מירון, אלס "וואן וועי" סטריטס, וואס וועט בעז"ה אסאך צוהעלפן צו דער ארדענונג פון אלע רוישיגע גאסן במשך ליל ויום הפורים.

אין די פארגאנגענע יארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס האט ממש רעדוצירט דעם לאנגיאריגן טראפיק און כאאס וואס האט געהערשט אין די פארנומענע גאסן דורכאויס פורים ביינאכט און בייטאג.

במשך מיטוואך נאכט ליל פורים און דאנערשטאג פורים בייטאג, וועלן פובליק סעיפטי באאמטע אנפירן מיט די טראפיק אנגעלעגנהייטן און אנווייזן פאר יעדן איינעם וואו צו פארן, און יעדער איינער ווערט געבעטן בכל לשון של בקשה צו קאאפערירן און ארויסהעלפן פאר'ן וואוילזיין און זיכערהייט פון די איינוואוינער.

די רעגולאציעס וועלן זיין גילטיג אין די פאלגנדע זמנים: מיטוואך ביינאכט (ליל פורים) פון 8:00 ביז 1:00 ביינאכט, און דאנערשטאג (יום הפורים) פון 11:00 צופרי ביז 4:00 נאכמיטאג.

ס'איז איבעריג ארויסצוברענגען דער געוואלדיגער אויפטו פון דעם וואן-וועי טראפיק איינשטעל, וואס ווער עס איז נאר אמאל דורכגעפארן מיט יארן צוריק די רוישיגע גאסן במשך דער פורים נאכט אדער בייטאג, סיי די דארטיגע איינוואוינער און סיי די וואס גייען נאך געלט אדער זענען עוסק אין משלוח מנות א.א.וו., געדענקט די גע-וואלדיגע שוועריקייטן וואס איז געווען דורכצופארן סאטמאר דרייוו, געציל בערגער, ישראל זופניק און מירון, צוליב די אויטאס וואס זענען געקומען פוןביידע ריכטונגען, אין צוגאב צו די פארקירטע אויטאס, וואס האט ממש פאראורזאכט א כאאס איבער אלע ארומיגע גאסן.

דעריבער האט די ווילידזש "פובליק סעיפטי" דעפט. מיט עטליכע יאר צוריק אויסגעארבעט א סיסטעם, וואס האט שטארק פארלייכטערט דעם טראפיק פון די גאסן, און במשך דער נאכט און דעם טאג זענען געשטעלט אפיצירן וועלכע פירן אָן מיט די טראפיק אנגעלעגנהייטן און דירעקטירן דעם טראפיק.

דער סדר פון די גאסן:

פאלגנד זענען די "וואן-וועי" דירעקציעס פון די גאסן.

דער אריינגאנג צו ישראל זופניק גאס וועט זיין דורך בעיקערטאון (די זייט פון בית רחל פאראדייס).

עס איז ראטזאם (אויך א גאנץ יאר) אז די אלע וועלכע קומען אריינצופארן אין שטעטל און דארפן נישט אנקומען אין ישראל זופניק אדער געציל בערגער גאסן, זאלן גענצליך אויסמיידן די ישראל זופניק גאס נאר פאָרן גלייך פון בעיקערטאון ביז עיקערס ראוד, צו לינדערן דעם טראפיק. אפגערעדט די וועלכע דארפן אנקומען צו סעקשאן 1 האבן דאך היינט די שארט-קאט גאס, דעעש ראוד, און עיקרס ראוד איז פאר זיי היינט אן אומוועג.

די געציל בערגער גאס וועט זיין איין וועג אויף אריין און ישראל זופניק וועט זיין איין וועג אויף ארויס, ד.מ. אז ביים אריינקומען פון עיקערס צו ישראל זופניק, וועט מען נישט קענען אראפפארן די ישראל זופניק גאס, נאר גלייך דארפן מאכן א רעכטס אויף געציל בערגער.

מירון דרייוו וועט זיין א 'וואן-וועי', אריין פון געציל בערגער/כהנא דר. ביז פראג/דעעש. פון פראג/דעעש ביז בעיקערטאון וועט בלייבן א 'טו וועי' אזוי ווי א גאנץ יאר.

אריינצוקומען צו סאטמאר דר. וועט מען נאר קענען דורך קראלע ביי סאטמאר דר. קאר. עיקערס רד. (ביי פרענקל'ס גראסערי) אדער פון העיס צו עיקרס זייט וועט מען נאר קענען ארויסצופארן.

אנדערש ווי די ערשטע פאר יאר אינעם פורים וואן-וועי אויסשטעל, וועט העיס קאורט ווירבלען ווי געווענליך אלס טו-וועי סטריט, ווי די לעצטע 2-3 יאר זינט ס'איז באנייט געווארן דעעש בלווד.. וואס האט געפירט צו דראסטיש בארואיגן דעם פארקער אין שטעטל גופא, אז מ'קען זיך ערלויבן צוריק צו עפענען העיס אויף ביידע זייטן. ד.ה. ווען מ'קומט אראפ פון טעילאר וועט מען זיך קענען דרייען אויף ביידע ריכטונגען, רעכטס און לינקס, און אויך ווען מען דערין קענען אריינפארן סיי ווען מ'קומט פון ארשיווא-סאטמאר (א רעכטס אריין קיין העיס) און סיי ווען מ'קומט פון ביהמ"ד הגדול-פארעסט.

דעעש בלווד. איז היי-יאר ווידער ערווארטעט צו שפילן א הויפט ראלע אין פארלייכטערן טראפיק אין גאנצן שטעטל. דאס וועט זיין אלס א 'טו-וועי' סטריט ווי יעדן טאג, וואו הונדערטער אויטאס און אויטאמאבילן וועלן זיך שלענגלען הין-און-צוריק במשך היום מיט פאסאזשירן וועלכע פארן מקיים צו זיין די מצות היום מיט א רואיגערן געמיט ווי ביז היינט; מ'וועט קענען אנקומען פון איין זייט שטעטל צום צווייטן פיל שנעלער און גרינגער ווי ביז היינט.

אלס זייטן באמערקונג, די טויזנטער תושבי העיר וועלכע קומען ארויס שטימען ביי די וואלן - וואס דעעש ראוד איז טייל פון די אלע ראודס און סיידוואלק פראיעקטן וואס זענען אהערגעשטעלט געווארן דורכ'ן כח פון קרית יואל בלאק-וואוט - נעמען דערין ארויס זייער טייל אין העלפן תושבים מקיים זיין מצות היום און שפארן אזויפיל איבעריגע צייט און עגמת נפש וואס מ'האט געהאט די פארגאנגענע יארן ווען מ'האט געוואלט אנקומען צו קעגנזייטיגע דעסטינאציעס.

אוודאי ברויך מען געדענקען אז ביום הפורים דארף מען אויך איינהאלטן אלע טראפיק געזעצן וואס וועט אינפארסירט ווערן ווי געווענליך, און געוויס, אויב האט איר שוין געטרונקען, דארף מען איינהאלטן דאס געזעץ און נישט דרייוון. חמירא סכנתא מאיסורא.

ווי אויך בעט מען זייער שטארק פונעם חשוב'ן ציבור איינצוהאלטן דאס געזעץ און נישט אריינפארן (אפי' זיך נישט אריינרוקן) אין אן אינטערסעקשאן איידער מ'האט די מעגליכקייט צו פארן ווייטער, ווייל דאס איז א דירעקטער גורם אויף איבעריגע טראפיק. מ'בעט די חשוב'ע איינוואוינער ארויסצופאלגן די אנווייזונגען פון די וואס וועלן שטיין ביים ראוד ארויסצוהעלפן די דורכפארער און פארגרינגערן דעם טראפיק מיט אלע מעגליכקייטן.

קרית יואל "הייוועי דעפאַרטמענט"

(פארזעצונג פון זייט 4)

אַריינגייענדיג אינעם איצטיגן ווינטער-סעזאָן איז געקומען צו אן ענדע דער הייוועי קאנטראקט וואס מ'האט באנייט עטליכע יאר צוריק, און ווען קרית יואל האט אנגעהויבן פירן נארמאלע געשפרעכן מיט די טאון באאמטע איבער א פרישער באנייאונג, האט מען זיך דערזען מיט א באורד וואס האלט זיך טאקע צו די פארשפרעכונגען צו אירע וויילער, שטעלנדיג שווערע אומפארשטאנדבארע פרייזן און סערוויסעס אנבאטן.

נאך מיט באַלד 5 יאָר צוריק, אין 13' למספ', ווען ע. קאנווערס האט געשטעלט א פרואוו אנצוהויבן איר פאליטישן לעבן, לויפנדיג פאר טאון סופערווייזער זיך און דערמיט אויפגעבויט די מאכטפולע יונייטעד מאנרא בלאק וואוט, האט די קאמפיין טעמע פארגעשטעלט א פונקט וואס אדרעסירט דעם לאנגיעריגן הייוועי דעפארטמענט קאנטראקט וואס ווערט כסדר באנייט ווען ביידע זייטן גייען ארויס צופרידן. מ'האט געהעצט קעגן דעם סופערווייזער דאולס און זיין פארגייער סופערווייזער סענדי לענארד, וועלכער איז געווען צוועלף יאר סופערווייזער, פאר'ן באשטעטיגן די קאנטראקטן.

די טויזנטער דרויסנדיגע איינוואוינער זענען געהעצט געווארן אויף די 'ריזיגע' פארלוסטן וואס די טאון פארלירט ווען מ'רעכנט אזוי ביליג פאר קרית יואל, נישט וועלנדיג אנערקענען דעם שוין היינט באוואוסטן פאקט אז קרית יואל צאלט אויסער דעם אריין אין טאון שטייערן אריבער א מיליאן דאלאר יערלך פון וואס מ'איז כמעט נישט נהנה אויף צוריק; מ'מוז פאר יעדן פרייז אראפשליידערן און ערזעצן די טאון פירערשאפט בלויז פאר דעם איינעם חטא פאר'ן אנהאלטן א צופרידנשטעלנדן קאנטראקט. אין 13' האט קאנווערס פארלוירן, אבער אין 14' און אין 15' האט זי צום באדויער אריינגערוקט צוויי חברה אין טאון באורד, און אצינד אין 18' איז די גאנצע באורד דאמינירט דורך יונייטעד מאנרא. (די פארזיצערין קאנווערס האט אפי' לעצטנס פראקלאמירט אז זי זאגט זיך אפ פון יונייטעד מאנרא פארזיצערן פאזיציע. ווען מ'פירט אליין די גאנצע טאון, ווער דארף נאך א יונייטעד מאנרא גרופע?...)

צוערשט איז געקומען אן אומדערהערטער פרייז פאדערונג פון איבער טאפלט פונעם ביז-היינטיגן פרייז. אנשטאט א פערטל מיליאן דאָלאַר יערליך בעטן זיי 550 טויזנט (!) דאלאר.

אויף נאוועמבער האט מען שוין גדארפט האבן דעם קאנטראקט באנייט, אבער די געפעפערטע פרייזן און שווערע טערמינען האט געגעבן א באלדיגע אנערקענונג פאר די ווילעדזש באאמטע צו נוצן די 17 שאסיי, נישט בלויז אלס גרעניץ-שטריך פאר דער נייער פאלם טרי טאון, נאר אויך פאר דעם הייוועי קאנטראקט, אויסצושטאטן קרית יואל מיט א זעלבסטשטענדיגן אייגענעם דעפארטמענט, און דערמיט שפּאָרן אומזיסטע אויסגאבן וואס קאסט ווען מ'האלט ווייטער אָן דעם קאנטראקט.

מ'שטודירט אַצינד ווי אזוי אוועקצושטעלן אזא דעפארטמענט. אלס זייטן-באמערקונג, אפי' מיט'ן אלגעמיינעם לאנגיערינן קאנטראקט, איז מען נישט שטענדיג צופרידן געווען ווי אזוי זיי האבן באהאנדלט די גאסן. די היגע קרית יואל פובליק ווארקס

פאר די סערוויס פון בלויז 3 חדשים

דעפארטמענט האט גאנץ אפט גדארפט צוענדיגן די ארבעט וואס זיי האבן נישט געפארטיגט.

די שאפונג שטאפלען נעמען אָבער שטאטע טריט וויבאלד קרית יואל איז אצינד אין א סטאטוס פון לאנד-מאנגל; יעדעס שטיקל לאנד איז קריטיש דעזיגנירט פאר פרישע הייזער צו קענען נאכקומען דעם שטארקן וואוקס און דירות-מאנגל, האט מען נאכנישט געקענט האבן א פאסנדן שטח פאר'ן דעפארטמענט וואס פאדערט א ברייטן גאראדזש פאר די שניי-טראקס און אנדערע מענטעינענס טרעקלעך און איינריכטונג, א זאלץ-רעזערוואר, א.ד.ג.

מ'האט באטראכט פלענער צו ניצן פון די שטחים אינדרויסן פון קרית יואל וואס באלאנגט פאר דער ווילעדזש, אבער אפי' דאס ברויך אויך א לענגערע אפהאנדלונג און ביוראקראטיע ווילאנג מ'קען זען אזא דעפארטמענט אלס מציאות. אינצווישן האט זיך אונטערגערוקט ווינטער; דער אייגענער דעפארטמענט איז נאך דערווייל אויף פאפירן, האט מען בלית ברירה געמוזט איינגיין אויף א צייטווייליגן קאנטראקט מיט דער טאון, אויף א פינף מאנאטיגן טערמין.

ווי איראניש ס'קלונגט, אויף בלויז די פינף מאנאטן האבן זיי געשטעלט אומבאגרייפבארע באדינגונגען. דער פרייז איז 225 טויזנט, און זייער פארפליכטונג וועט זיין בלויז שניי-שארן און זיי וועלן זיך נישט באמיען פאר קיין שום אנדערע ראוד סערוויסעס.

אין צוגאב האבן זיי צוגעבעטן אַכציג טויזנט דאלאר צו קויפן א נייעם טראק, ווייל מ'דארף דאך דעקן אויך קרית יואל (איי מ'האט דאך אלע יארן געשארט פאר קרית יואל?), וואס זיי וועלן מעגליך צוריקגעבן שפעטער ווען קרית יואל וועט האבן דעם אייגענעם דעפארטמענט.

אצינד גייען ווייטער אָן די פלענער פאר אן אייגענעם דעפארטמענט; מ'קוקט יעצט ארום פאר א פאסיגן שטח, וואס מ'האפט בעז"ה אינגיכן דאָס פאַקטיש צו קענען אַהערשטעלן און דערמיט האבן די מעגליכקייט צו שפארן שווערע שטייערצאלער געלטער פאר די קרית יואל'ע תושבים, און בעיקר קענען צושטעלן די נויטיגע סערוויסעס מיט א אידיש הארץ און פארשטאנד, צו קענען צופרידנשטעלן די געברויכן פון די תושבים.

אין די פארבליבענע מאנאטן וואס מ'איז נאך אונטער די טאון קאנטראקט, איז די האפנונג אז ביז'ן ענדע ווינטער וועלן זיי ערפילן די שניי-שארן פליכט מיט א נארמאלער ווירטשאפט. ס'קען זיך שטענדיג מאכן אז מ'פארגעסט א גאס, צי אנדערע פראבלעמען, קען מען ביי יעדן סארט פראבלעם אנרופן די טאון הייוועי דעפאַרטמענט אויפ'ן נומער: 782-8583, און איידל אויפמערקזאם מאַכן, און האפנטליך וועט דאס ערלעדיגט ווערן.



ליטעראַטור פון יונייטעד מאָנראָו מיט ביליגע העצע אויף די סערוויס קאָנטראַקט צווישן קרית יואל און די מאָנראָו טאַון - אלול תשע"ג

בס"ד

Ezras Choilim
HEALTH CENTER

49 Forest Road
Monroe, NY 10950
845.782.3242

Chairman
Abraham Wieder

Board of Directors
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

Executive Director
Joel Mittelman

DPMGGROUP.COM

מיר טוען דערמיט מעלדן
די סערוויס-שעות פון די
דאקטוירים אינערהאלב די

ווִיזשען
(אויגן)
דעפארטמענט

	Sunday	Monday	Tuesday	Wed.	Thur.	Friday
Joel Goldberg, OD	9:00am 3:00pm	9:30am 6:30pm		12:00pm 6:30pm	9:30am 6:30pm	9:00am 1:00pm
Aron Gottesman, OD			9:30am 7:00pm יעדע צווייטע דינסטאג	9:30pm 7:00pm יעדע צווייטע מיטוואך		
Solomon Klein, OD	9:00am 5:00pm יעדע צווייטע זונטאג	3:00pm 8:00pm	3:00pm 8:00pm			

עמערדזשענסי אפוינטמענטס ווערן געגעבן אין יעדן טאג

פאר אן אפוינטמענט רופט:
782-3242 Ext. 6

הנהלת
עזרת חולים

די פאלגנדע ווערן באהאנדלט:

- Ametropia - Nearsightedness and Farsightedness
- Amblyopia – Lazy Eye, Wandering Eye
- Eye Care Children and Adults
- Diabetic Eye Care
- Urgent Eye Care
- Glaucoma and other eye diseases

באמערקונגען, בייפאלן, קאמפלימענטס
אדער קאמפלעינטס, רופט אונזער:
"פידבעק" האטליין 774-1699

אויסברייטערונג פון ביהמ"ד אבני צדק

(פארזעצונג פון זייט 5)

צייכנס, און תשע"ג האט די הנהלת ביהמ"ד דורכגעפירט א רענאוואציע און ס'איז צוגעקומען א פרישע פלאטע פון שאוערס.

ס'איז געקומען די העכסטע אנערקענונג פאר אן ארויסבוי אין אלע הינזיכטן. דער ביהמ"ד קען איינפאך נישט דערשטרייטן דעם גרויסן ציבור, צי איז דאס די מקוה, צי איז דאס דער נויט פאר א מקום ללימוד התורה, צי איז דאס מיט מער שטיבלעך פאר מניני שחרית, מנחה ומעריב, צי איז דאס מיט א שמחה-זאל אין געגנט אז מחותנים מתושבי השכונה זאלן קענען פראווען די שמחות אין געגנט, א.א.וו.

מטעם הנהלת קהלתינו הק' איז נתמנה געווארן א "ועד קרן הבנין", העסקנים החשובים ה"ה מו"ה משה הערש ראזענפעלד הי"ו, מו"ה יואל אלי' שווארץ הי"ו, מו"ה יואל לאקס הי"ו, מו"ה משה יקותיאל שווארץ הי"ו משמש, הר"ר אברהם יוסף אקערמאן שליט"א און מו"ה יואל אליעזר בלוישטיין הי"ו, צו ערוועקן דעם ציבור אינעם איינגעפעדעמטן "להרחיב" פראיעקט, צו קענען ווי אינגיכן זען טראקטארן אויפ'ן ארט, אויסצופירן די בוי-פלענער פונעם 2 מיליאן דאלארדיגן הרחבה פראיעקט.

די ארכיטעקט פלענער זענען פולקאם גרייט. דער אונטערשטער שטאק וועט באַקומען אַ גענצליך נייע צורה מיט אַ פרישער עקסטענשאן צו דער מקוה, נייער בור פאר טבילת כלים צוגערישט מיט א באזונדערן אריינגאנג פון גאס צו קענען ווען אימער האבן גרינגע צוטריט און א רחבות'דיגער מקום דעזיגנירט פאר'ן גמ"ח שטיבל, צו קענען רואיג אנגיין מיט אלע וויכטיגע פעולות הצדקה והחסד, ארויסצוהעלפן און פארגרינגערן דעם ציבור בעת דחקם.

אויפ'ן היכל ביהמ"ד שטאק (פארלאר), וועט מען האבן געוואלדיגע חידושים: כמעט פארטאפלטער היכל ביהמ"ד מיט א פראקטישן געשטעל צו קענען דינען דורכאויס א גאנצע וואך אלס "היכל התורה" אויסשליסליך ללימוד התורה, און אום שבת ויו"ט אריינגענומען צו ווערן אין היכל הביהמ"ד במשך התפלות; 3 פרישע רחבות'דיגע חדרי תפלה, הארט נעבן 'היכל ביהמ"ד/היכל התורה', פאר די טעגליכע מניני שחרית, מנחה-מעריב און שיעורי תורה. נייער "חדר הוראה" לדון ולהורות דבר ה' זו הלכה לכל דורש ומבקש; נייע פארגרעסערטע 'קאווע-שטיבל' נעבן היכל ביהמ"ד און פרישע חדרי תפלה.

אויפ'ן אויבערשטן שטאק (עזרת נשים) וועט אויפגעבויט ווערן נעבן דעם עזרת נשים, א הערליכע שמחה-זאל וואו דער לאקאלער ציבור בעלי שמחה וועלן קענען פראווען קלענערע שמחות, שבת שבע ברכות/בר מצוה א.א.וו. דערנעבן ווערט אהערגעשטעלט א קאך, אויסגערישט מיט אלע צוגעהערן.

דער צענטראלער אריינגאנג וועט פאָרשטעלן א פראכטפולער לאבי צו ברענגען די נויטיגע הרחבת הדעת פאר'ן ציבור באי בית המדרש. ווי אויך ווערט אהערגעשטעלט אויפ'ן אונטערשטן שטאק, נעבן דער מקוה, א נייער גרעסערער קארידאר, צוגעשטעלט נאכצוקומען דאס גרויסע געווירבל.

דאס געשפרעך די לעצטע פאר חדשים איבער 'פלענער' איז געענדערט געווארן צו א 'מציאות'. מ'האט שוין אויסגעברייטערט דעם שטראז וואס פירט אריין צום ביהמ"ד, לויט די ברייטקייט פון די טראקטארן מ'זאל האבן גרינגע צוטריט צום שטח הבני'. די בוי-ארבעט איז פלאנירט אריינצוגיין אין שוואונג אויף חודש ניסן נאך די ענדע פון די ווינטער וועטערס בעז"ה.

דער קרן הבנין עסקנים האבן אפיציעל געעפנט דעם "להרחיב" קאמפיין דורכאויס דער פארגאנגענער וואך פ' משפטים, לסדר "אל המקום אשר הכינתי", אפעלירנדיג צו אלע תושבים פון שכונת עצי תמרים צו נעמען א חלק אין דער שטארק ארויסגעקוקטער הרחבה לשמחת לב כל התושבים והמתפללים.

דער געפלאנטער היכל התורה


3 פרישע חדרי התפילה געפלאנט

הערליכער שמחה זאל פאר קלענערע שמחות

וואודבורי שטייערן אויף וואסער פייפליין

(פארזעצונג פון זייט 7)

פייפליין...), איז געבליבן אן אויסוועג צו קלאגן די טעקס אסעסמענט אין סטעיט סופרים קאורט איבער דער אומדערהערטער שטייער שאצונג.

אין די געריכט פאפירן שטעלט קרית יואל פאָר דריי טענות. ערשטנס, מ'האט די שאצונג שוין געשטעלט אנהויב 17' למספ', און אלע ווייטערדיגע בילס פון 17' דארף מען שוין באצאלן, איז אן אומ'יושר צו רעכענען פאר א גאנץ יאר שטייערן ווען מ'האט אין 17' בכלל נישט גענאסן פון דעם פייפליין. ס'איז נישט אן אפגעקויפטער שטח וואס מ'דארף צאלן שטייערן איינמאל מ'קויפט עס אפ, אפגעזען צי מ'ניצט עס יא צי נישט. מ'רעדט פון ארויפלייגן שטייערן פאר'ן 'ניצן' קאונטי לאנד אלס דורכגאנג, און דא האט מען דאך בכלל נאכנישט גענוצט דעם דורכגאנג, און אפי' איצט שרייבנדיג די שורות שוין נאָך די טאַון און קאַונטי טעקס בילס אום 18' למספ', ניצט מען עס נאָך אַלץ נישט. (אייגנטליך האט וואודבורי אליינס צוגעשטעלט די טענה, ווארום זי האט דאך געפירט צו פארשלעפן דעם פאקטישן פייפליין באנוץ ביז איצט.)

צווייטנס איז די טענה קעגן אזא הויכע שטייער שאצונג. ווען מ'פארגלייכט עס וויפיל מ'שאצט ביי אזעלכע סארט לאנד באניצונגען, איז דאס שטארק איבערגעשאצט. דריטנס איז די דערמאנטע באהויפטונג אז וואודבורי אליין, ווען ס'איז די רעדע פון וואסער-רערן פאר'ן הערימאן וואסער סיסטעם, טוט דער זעלבער וואודבורי אָפיס געבן אַ פול עקזעמפשאן פאר אַלע זייערע וואסער איינריכטונגען און דורכלויפנדע רערן. זיי באטראכטן עס ווי א פובליק באנוץ. פלוצים ווען ס'קומט צו קרית יואל, דערמאנט מען זיך פונעם פסוק וישימו עליו שרי מסים; ס'פארלירט דעם בענעפיט אלס גאווערמענט אפאראט.

אצינד ערווארט מען פון געריכט אויסצוהערן די צדדים, און ס'איז די האפנונג צו השי"ת פאר א גינסטיגן אורטייל אפצושאפן דעם גרויסן שטייער וואס טוט לויערן אויף די קרית יואל'ער שטייערצאלער.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

אקטועלע מעלדונג

מיטוואך תענית אסתר
וועלן אונזערע
אָפיסעס זיין אפן ביז
12:00

דאנערשטאג און פרייטאָג
זענען מיר געשפארט

מיט דאנק
דער ווילידזש

ענערגישע אַרבעט צו פאַרריכטן "פּאַטהאָולס"

(פארזעצונג פון זייט 4)

איז דער פראבלעם פון פאטהאולס דער נומער 1 פראבלעם פון די פובליק ווארקס דעפארטמענטס איבעראל אין די ווינטער חדשים.

די צייטווייליגע פארריכטונגס פראצעדור

אין צוגאב צו דעם פראבלעם פון די לעכער, קומט צו דער פאקט אז מען קען דאס נישט פארריכטן פערמאנענט אין די ווינטער חדשים. די סיבה דערפון איז ווייל די פאטהאולס דארפן פארראכטן ווערן מיט ספעציעלע הייסע קוילן וואס קומען קאכעדיג הייס גלייך פון דער קאמפאני, און צוליב'ן קאלטן וועטער אום ווינטער קען מען נישט דורכפירן געהעריג די פראצעדור פון די הייסע קוילן, און צוליב דעם זענען די קוילן קאמפאניס פארשפארט יערליך פון דעצעמבער 15 ביז אפריל 15.

דערפאר איז נישט מעגליך אין די יעצטיגע ווינטער-חדשים צו פארריכטן פערמאנענט די פאטהאולס, און דעריבער ווערן די פאטהאולס נאר פארראכטן צייטווייליג מיט "קאלטע קוילן". דער פראבלעם איז אבער אז די קאלטע קוילן האלטן זיך נישט אויף די ראודס מער ווי "פון תענית אסתר ביז פורים"... און עס ווערט אפגעווישט נאכ'ן קומענדיגן רעגן אדער שניי, און די לעכער עפענען זיך צוריק אויף און מען דארף עס נאכאמאל אנפילן צייטווייליג מיט קאלטע קוילן.

ווענגן דעם טוט דער פובליק ווארקס דעפארטמענט אריינלייגן גרויסע כוחות צו נאכגיין די אלע געשאפענע לעכער און געשפאלטענע ראודס און מען פאררעכט דאס איינמאל און נאכאמאל במשך די ווינטער חדשים. ווי פארשטענדליך שאפן זיך כסדר פרישע פאטהאולס אויף אנדערע ראודס, און איינוואוינער קענען אריינרופן צום פובליק ווארקס דעפארטמענט צו מעלדן איבער א פאטהאול, און עס וועט בעז"ה פארראכטן ווערן אין דער ערשטער מעגליכקייט.

זעלבסטפארשטענדליך אז אזוי ווי יעדן יאר, ווי נאר די קוילן קאמפאניס וועלן זיך צוריק עפענען אין דעם 15'טן אין אפריל, וועט בעז"ה ווערן אדורכגעפירט א פערמאנענטע רענאוואציע צו פארריכטן אלע פאטהאולס אויף אלע ראודס אין דער גאנצער שטאט. אויף דערווייל ווערט ערוואַרטעט די פארשטענדעניש פונעם חשוב'ן ציבור צו פארן געלאסן אויף די ראודס צו פארמיידן עווענטועלע פראבלעמען פון געשאפענע פאטהאולס.

ווי באַרירט אין די שפאלטנס פון היינטיגער "הקרי'", גייט דער "פובליק ווארקס דעפארטמענט" אריבער א דראמאטישע אויפשאקלונג, ווען פלענער וועבן זיך איבער'ן גרינדן א זעלבסטשטענדיגן "הייוועי דעפארטמענט" און דערמיט זיך אפרייסן פונעם ביז-היינטיגן קאנטראקט מיט'ן טאון הייוועי דעפארטמענט וואס האט פארפיגט אויף מענטעינען די ראודס — וואס האט איינגעשלאסן פאטהאולס פארריכטונג — און וויבאלד מ'האט דעם נייעם דעפארטמענט נישט געקענט האבן גרייט אויפ'ן יעצטיגן ווינטער, האט מען בלית ברירה געדארפט שליסן א צייטווייליגן קורץ-טערמיניגן קאנטראקט מיט דער טאון, אבער צווישן די באגרעניצטע סערוויסעס וואס זיי שטעלן פאָר, איז נישט אריינגערעכנט דאס פארריכטן פאטהאולס.

די ווילעדזש האט דערפאר באאויפטראגט די "סי. בי. סי. קאנסטראקשאן" פירמע, וועלכע האָט געהאט געוואונען א ביד צו מאכן עקסטעווישאן ארבעט אין שטאט, אז זיי זאלן קומען צוהילף צום "פובליק ווארקס דעפארטמענט" צו פארריכטן די פאטהאלס, ביז מ'וועט בעז"ה האבן דעם נייעם "הייוועי דעפארטמענט" בשעטומ"צ. ביז דאן האפט מען אז זיי וועלן דורכפירן אן אחריות'דיגע און גוטע ארבעט צו האבן גלאטע און פארזיכערטע ראודס.

עדיטאָריעל

ושכנתי בתוכם!

די שמחה מיט פרישע 200 'קלאוזינגס' אין קרית יואל אויף יו"ט פסח הבעל"ט

(פארזעצונג פון זייט 3)

מאכן זייערע קינדער און ווילן אז זייערע קינדער זאלן קענען אויך קענען נהנה זיין פון די אלע זאכן.

לאמיר אבער אויף א מינוט פארמאכן אונזערע אויגן און מיט אונזער כח הדמיון פרובירן זיך פארצושטעלן, עפ"י דברי חכמינו ז"ל, וויאזוי אויבן אין הימל, לפניו יתברך שמו, הערשט כביכול א שטארקע שמחה, עוד וחדוה במקומו, ווען עס בויען זיך אידישע הייזער און אזא הייליגע שטאט ווי קרית יואל ווערט פארברייטערט. געוויס קענען מיר זיך ניטאמאל אין חלום פארשטעלן וואס דאס מיינט א נחת רוח פאר בוכ"ע, אבער מיר זענען מאמינים בני מאמינים און מיר גלייבן דאך אוודאי אין יעדן מאמר חז"ל, וואס דאס זעלבסט ברענגט פאר אונז די גרעסטע שמחה ווען מיר ווייסן אז מיט דעם ווערט ערפילט דער רצון השם.

די וואך אין דער סדרה לערנען מיר דעם באקאנטן ציווי פון השי"ת "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם". זאגט דער מדרש "בתוכו לא נאמר", דער פסוק זאגט נישט אז כביכול די שכינה וועט רוען אינעם בית המקדש, "אלא בתוכם", נאר די שכינה וועט רוען "בתוך כל אחד ואחד", ביי יעדן איד פערזענליך. און ווי באקאנט, א אידישע שטוב זאגן חז"ל איז שכינה שרויה ביניהם, דער אייבערשטער איז נתאוה צו האבן א דירה בתחתונים; ער וויל קענען רוען בתוך כל אחד ואחד, און ווען נאך א אידישע שטוב בויט זיך אויף, ווערט זיין רצון נתמלא.

דאס איז געזאגט ביי יעדער אידישער שטוב בכל מקום שהוא. ווער שמועסט נאך ווען די שטיבער ווערן צוגעלייגט אינערהאלב אזא הייליגער שטאט, אין וועמענ'ס גרעניצן עס האדעווען זיך צענדליגער טויזנטער אידישע קינדער בליעה"ר, אפגעזונדערט פון די רוישיגע אמעריקאנער גאסן. הן עם לבדד ישכון. א שטאט וואס איז לויטער און ריין פון ראיות אסורות, א שטאט וואס דער קול תורה הילכט אפ אין יעדן ווינקל פון פרי פארטאגס ביז שפעט אויפדערנאכט, א שטאט וואס איז באקאנט אין דער גאנצער וועלט אלס די פעסטונג פון צדקה וחסד; מיליאנען דאלארן פון צדקה ווערן פארטיילט איבערן יאר פון תושבי קרית יואל, קען דען זיין א גרעסערע שמחה וחדוה אין הימל ווען עס גרייכן די קלאנגען פון הרחיבו מקום אהלך?!

און אפשר קען מען גיין מיט א טריט ווייטער: על חומותיך קרית יואל הפקדתי שומרים. די שטאט קרית יואל ווער האט איר געגרינדעט? ווער האט זיך פאר איר מוסר נפש געווען, און ווער זענען די וואס אפי' זיי זענען שוין בגנזי מרומים שעפן זיי מלא חפנים נחת ווען זיי זעען משמי מעל אז די הארעוואניע גייט נישט לטמיון, אדרבא, די שטאט וואקסט און בליט ביתר שאת ויתר עוז? רבינו הקוה"ט זי"ע, דער מייסד פון דער שטאט. בשארית כוחותיו האט ער אוועקגעשטעלט די הייליגע שטאט מחוץ לעיר, אז ערליכע אידן הסרים למשמעתו זאלן קענען האבן אן ערליכן ווינקל ביז משיח'ס טאג, ואחריו ממלא מקומו רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, וויפיל בלוט און שוויס האט ער פארגאסן אויף דער עקזיסטענץ און אויסברייטערונג פון קרית יואל, לעשות רצון צדיק, איז דאך אוודאי אז בגנזי מרומים קוועלן זיי נחת, און האלטן מיט מיט אונזער שמחה ווען דער ניגון פון ימין ושמאל תפרוצו ווערט געזונגען מיט פרייליכע טענער.

פארשטייט זיך אז דערווייל איז דאס נאר דער ערשטער פאל פון דעם לעבעדיגן ניגון, און די קומענדיגע פעלער זענען שוין לאנג איינגעפעדעמט; די נאטן זענען שוין געשריבן און די מוזיקאנטן האבן שוין די כלי זמר, מיט יעדן פארבייגייענדן חודש בסיעתא דשמיא וועט נאך א פאל אויפגעשפילט ווערן, ווען נאך צענדליגער דירות וועלן גרייט ווערן און נאך צענדליגער צופרידענע משפחות וועלן גיין צו 'קלאוזינג'. דער אייבערשטער זאל אוודאי האלטן די רעכטע האנט, און קרית יואל זאל ווייטער קענען אויסשפרייטן אירע פליגלען פאר ערליכע אידן צו בויען זייער היים ביז משיח'ס טאג.

VILLAGE OF KIRYAS JOEL
Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

וויכטיגע מעלדונג

ווי באקאנט האט דער ווילידזש א קאנטראקט מיט די "טאון הייוועי דעפארטמענט" איבער

"שנויי שארן אויף די ראודס"

האבן די טאון באאמטע געבעטן אז אויב עס מאכט זיך אויף סיי וועלכע פאבליק ראוד אז עס איז נישט געווארן געשארט די שנויי, זאלן די איינוואוינער עס תיכף באריכטן פאר די טאון הייוועי דעפארטמענט

מען זאל אריינרופן דירעקט צום הייוועי דעפארטמענט אויפן נומער:
845-782-8583

מען בעט עס צו באריכטן פאר די טאון, און נישט טראכטן אז אנדערע האבן שוין גערופן. עס איז ראטזאם איבערצולאזן א טעלעפאון נומער וואו זיי זאלן קענען צוריקרופן פאר מער אינפארמאציע אויב עס וועט אויספעלן

נ.ב. פאר אלע "ווילידזש" סערוויסעס, קען מען אזוי ווי אייביג, וועגן סיי וועלכע פראבלעם, רופן דעם ווילידזש דירעקט, אויף: 845-783-8300

מיט דאנק, **דער ווילידזש**

בס"ד

Ezras Choilim
HEALTH CENTER

49 Forest Road
Monroe, NY 10950
845.782.3242

Chairman
Abraham Wieder

Board of Directors
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

Executive Director
Joel Mittelman

עמערדזשענסי דענטאל באהאנדלונג

אָן קיין אפוינטמענט

זונטאג: פון 9:00 ביז 11:00 פארמיטאג
מאנטאג ביז **פרייטאג:** פון 7:00 ביז 9:00 צופרי

עס איז צוגעשטעלט א
געניטער דענטיסט וואס
שטייט ספעציעל גרייט
אין די דערמאנטע
שעות, צו באהאנדלן
סיי וועלכע דענטאל
עמוירדזשענסי.

מיט שעצונג
הנהלת עזרת חולים

DESIGN & PRINT / 845.782.3382

באמערקונגען, בייפאלן, קאמפלימענטס
אדער קאמפלעינטס, רופט אונזער:
"פידבעק" האטליין 774-1699

VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

- קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט -

מודעה חשובה!

דערמיט ווילן מיר מעלדן פאר די חשוב'ע איינוואוינער, אז אונזער "פאספארט אפטיילונג" שטייט גרייט אייך צו באדינען מיט אלע אייערע

פאספארט געברויכן אויפ'ן פלאץ

אין אפיס פון די ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט אין שאפינג סענטער

– פאלגענד זענען עטליכע וויכטיגע אנווייזונגען ווען איר אפלייעט פאר א פאספארט –

- ביטע מיטברענגען בוירט סערטיפיקעט, סאשעל סעקיורעטי קארד און א פיקטשער איי די, (עס איז ראטזאם מיטצוברענגען אלע אידענטיפיקאציע דאקומענטן).
- די וואס האבן שוין אמאל געהאט א פאספארט, דארפן אויך מיטברענגען דעם אלטן פאספארט.
- צו אפלייען פאר קינדער, דארפן אויך ביידע עלטערן פערזענליך אראפקומען, און אויך מיט זייערע פיקטשער איי די'ס.
- דאס געלט פאר די סטעיט דעפארטמענט דארף באצאלט ווערן דורך טשעק אדער מאני ארדער, און פארן ווילידזש קען זיין טשעק אדער קעש.

פאספארט בילדער ווערט געמאכט אויפ'ן פלאץ (פארן פרייז פון $10)

– פאספארט פרייזן –

U.S. Passport Book

	Passport Fee Payable to Department of State	**Execution Fee** Payable to Village of kiryas Joel	**Total First-Time Applicant Fee**
Adults First Time (age 16 and over)	$110	$25	**$135**
Adults Renewal (Applying with DS-82)	$110	$0	**$110**
Minors (under age 16)	$80	$25	**$105**

U.S. Passport Card

	Passport Fee Payable to Department of State	**Execution Fee** Payable to Village of kiryas Joel	**Total First-Time Applicant Fee**
Adults First Time (age 16 and over)	$30	$25	**$55**
Adults Renewal (Applying with DS-82)	$30	$0	**$30**
Minors (under age 16)	$15	$25	**$40**

– די פאספארט סערוויס ווערט צוגעשטעלט דורך מאכן אפוינטמענטס פון פאראויס –

פאר אפוינטמענטס אדער מער אינפארמאציע רופט אין ווילידזש אפיס:

783-8300 Ext. 9

מיט דאנק,

דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט

נ.י. "סטאַר ריבעיט" טשעקס '17

(פארזעצונג פון זייט 13)

פראגראם.

ביז יאר '15 למס' האט עס געארבעט אויף א מער גלאטן סיסטעם. דער הויז-אייגנטימער האט באקומען א געשניטענעם סקול ביל, און די דיפערענץ האט די סטעיט באצאלט דירעקט פאר'ן סקול דיסטריקט צו וואו דער הויז אייגנטומער צאלט שטייער. ס'האט אזוי געארבעט פאר לאנגע יארן, ביז די אלבאני געזעץ הייזער האבן באשלאסן צו טוישן דעם צוגאנג ווי אזוי דער הויז אייגנטימער געניסט פון דעם סטאר פראגראם.

לויט לעגיסלאטיווע אפשטימונגען, און אונטערגעשריבן דורכ'ן גאווערנאר קאומא ביים באשטעטיגן אין אפריל '16 די סטעיט בודזשעט, באקומען די הייזער אייגנטימער דעם סקול ביל מיט די פולע שטייער רעכענונגען, וואס מ'ברויך באצאלן צום סעפטעמבער 30 דעדליין, און די סטעיט הילף אונטער "סטאר" וועט שיקן אויף פאסט צום הויז אייגנטומער א "סטאר ריבעיט טשעק", וואס אנטהאלט די זעלבע סומע וואס די סטעיט האט באצאלט דירעקט צום סקול דיסטריקט ווען מ'האט עס אוועקגעשניטן פונעם שטייערצאלער. דאס האט אבער נישט אפעקטירט אלטע הייזער אייגנטומער; זיי באקומען ווייטער ווי דעם אלטן סיסטעם. בלויז ווער ס'האט געקויפט א הויז פון אויגוסט '15 און גיט איין פאר דעם סטאר פראגראם, איז געפאַלן אונטער'ן נייעם סיסטעם.

פאראיאר האט זיך געקאכט מיט שטארקע קריטיק פון טויזנטער ניו יארקער הייזער אייגנטומער איבער אומגינסטיגע ריבעיט טשעקס פארשלעפונגען, וואס האט געשאפן פינאנציעלע קאָפּ-ווייטאג פאר אסאך הייזער אייגנטומער.

בעיקר איז געווען שטארקע באקלאגונגען פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג וועלכע לעבן מיט אן אויסגערעכנטן פינאנציעלן חשבון, וואס דעם 'גאנצן' סקול ביל האט מען באצאלט אום סעפטעמבער, און באקומען דעם ריבעיט טשעק האט מען עטליכע מאנאטן שפעטער, וואס האט שווער געמאכט זייער פינאנציעלע ווירטשאפט וואס איז אויסגערעכנט פון אנהויב יאר ווען און ווי אזוי מ'וועט אויסקומען מיט'ן לעבן, און מ'האט זיך זעלבסט פארגעשטעלט אז די סטעיט וועט אפשיקן דעם טשעק אין צייט ווען מ'דארף באצאלן דעם ביל.

ביי אסאך מענטשן האט דאס געשאפן העכערע צינזן ביי הלוואות וואס מ'האט געהאפט צו באצאלן נאכ'ן באקומען די טשעקס, אבער מיט דער אומגערישטער פארשפעטיגונג, האט מען אנגעווארן דאס שטייער צוריקצאל געלט, וויבאלד ס'איז געגאנגען צו דעקן די העכערע צינזן, אדער האט מען געשפעטיגט מיט'ן צאלן דעם סקול ביל, אויסווארטנדיג דעם טשעק, און מ'האט דערפאר געדארפט באצאלן דעם ספעציעלן געלט-שטראף פאר'ן שפעטיגן מיט דער שטייער באצאלונג.

ביי דער לעצטער '17 בודזשעט אפשטימונג אין אלבאני, איז טאקע אריינגעלייגט געווארן אין בודזשעט די סטעיט'ס אויסגאבן צו באצאלן דריי פראצענט אינטערעסט פאר אזעלכע געליטענע.

באזונדערע פראבלעמען האָט זיך אויך אַסאַך געמאַכט אַז מ'האָט באַקומען אומריכטיגע טשעקס; ס'האט נישט געשטימט מיט וויפיל מ'האט געברויכט צוריקבאקומען. אין טאטאל האבן 100,000 סטאר פראגראם בארעכטיגטע געליטן פינאנציעלע שאדן פון דעם נייעם סיסטעם.

לויט באריכטן פון אלבאני שטייער דעפארטמענט באאמטע, איז געווען א פארשפרעכונג אז ביים '17 ביל וועט זיך נישט איבערשפילן די פראבלעמען, אלע ניו יארקער וועלן ערהאלטן זייערע סטאר ריבעיט טשעקלעך, מיט די אקוראטע סומעס, מ'זאל נאך קענען דערמיט באצאלן דעם סקול שטייער ביל ביז דעם סעפטעמבער 30 דעדליין. די האפענונגען אויף א פארריכטונג אינעם סיסטעם איז אויסגערינען, ווען די שטייער באאמטע האבן ווידער געשפעטיגט. ענדע דעצעמבער, א מאנאט נאכדעם וואס מ'האט געדארפט האבן באצאלט דעם שטייער, האט די שטייער דעפארטמענט באשטעטיגט אז בלויז 428,000 טשעקס פון די ארום 2 מיליאן, זענען שוין ארויסגעשיקט געווארן, און דאס איבריגע וועט אנקומען שוין אינעם נייעם קאלענדער יאר אריין.

די סומע וואס מ'ערהאלט אונטער דעם סטאר פראגראם איז אנדערש ביי יעדן סקול דיסטריקט, און קען זיין אנדערש אין לויף פון די יארן, און ביי קרית יואל האלט עס אצינד ביי ארום $500. ביז עטליכע יאר צוריק אז מ'האט געוואלט איינגעבן צו געניסן פון דעם פראגראם האט עס געקענט גיין דורך די ווילעדזש, אבער ס'האט זיך געטוישט אלס א חלק פון די פרישע געזעצן און מען ברויך זיך ווענדן אויסשליסליך צו דער סטעיט.

נייע הייזער אייגנטומער וואס ווילן דערפון געניסן קענען זיך פארבינדן אויף: https://www8.tax.ny.gov/STRP/strpStart

*

בנוגע סקול שטייער איז דא פארשידענע נייעס אויך אין דעם צווייטן פאפולערן פראגראם וואס העלפט ניו יארקער הייזער אייגנטומער באצאלן זייערע שטייער בילס, דאס איז דער "ריפאונד פראגראם" וואס איז איינגעשטעלט געווארן אין '14, אונטערן נאָמען "טעקס פריז קרעדיט".

דער ריפאונד ביל ארבעט לויט אן אפמאך פון די סטעיט מיט די לאקאלע סקול דיסטריקטן, שטעלנדיג א "טעקס קעפּ", מ'זאל נישט רעכענען סקול שטייער מער ווי צוויי פראצענט העכער פונעם פאריגן ביל. אויב האלט מען זיך דערצו, דאן באקומען די איינוואוינער א "ריפאונד", מ'באקומט צוריק די דיפערענץ וויפיל דער ביל איז געווען העכער ווי א יאר פריער.

דאס הייסט אזוי. א סקול באורד באשטימט יערליך די סקול אויסגאבן, און לויט דעם באשטימט מען די שטייערן פאר די איינוואוינער אין דעם דיסטריקט, וואס גייט פאר וואלן צו די איינוואוינער וועלכע באשטעטיגן דאס.

די סטעיט האט איינגעזען אז אין פארזוך צו צוימען די איבריגע פארשוועדערישע אויסגאבן פון א סקול דיסטריקט, וועט דאס בעסטע צום זיין, דאס שטעלן א "טעקס קעפ", וואס שטעלט אראפ ביז וויפיל די אויסגאבן מעגן זיין, און ס'איז א פליכט פאר די סקול באורדס צו פירן א נארמאלע און אויסגערעכנטע ווירטשאפט און זיך האלטן צום אראפגעשטעלטן "טעקס קעפ".

בכדי צו פארזיכערן אז די באורדס האלטן זיך צום "קעפ", איז וויכטיג צו האבן א שטופ מצד די איינוואוינער, די וועלכע באשלוסן ביי די בודזשעט וואלן דעם אויסגאנג, וואס זיי האבן דאך די העכסטע אינטערעסע צו האלטן נידריג די שטייערן און דיקער דעם טייסטער. איז אין '15 איינגעפעדעמט געווארן דער "טעקס פריז קרעדיט" ריפאונד פּראָגראַם, וואס אויב ווערט געהעכערט די סקול שטייער נישט מער ווי צוויי פראצענט פון א יאר פריער, דאס הייסט מ'האלט זיך צום "קעפ", באקומען אלעס הייזער אייגנטימער צוריק די העכערונג וויפיל ס'איז געשטיגן ביים נייעם ביל. דאס גאראנטירט אז די סקול באורד וועט האָבן די נויטיגע דרוק נאכצוקומען דעם פארלאנג פון די איינוואוינער און זיך האלטן כאטש ביז א מאקסימום פון צוויי פראצענט העכערונג, און דאס ביסל וואס מ'האט יא געהעכערט, באקומען די איינוואוינער צוריק.

צום ביישפיל, אז פאראיאר האט דיין שטייער ביל געצייגט דעם ציפער $2,250, און היי-יאר האט די באורד באשלאסן צו העכערן שטייער, און דער הויז-אייגנטומער זעט א נייעם ציפער אויפ'ן ביל: $2,290, וועט ער אונטער'ן ריפאונד פראגראם צוריקבאקומען עקסטרע פערציג דאלאר, אויסער די בעיסיק סטאר אין ווערד פון אַרום $500 ווי אויבן געשריבן.

דאס איז בכלליות, אבער דער טעקס קעפּ האט פארשידענע פארשריפטן ווי אזוי דאס ווערט אפגעשאצט פאר יעדן סקול דיסטריקט באזונדער. און אויך רעכנט מען נישט אריין פארשידענע אויסנאמען, א שטייגער, וואוקס, וואס דאס גיט אויטאמאטיש צו אומגעוועגליכע אויסגאבן, הייבט מען אָן אפשאצן די טעקס קעפ נאכ'ן אראפרעכענען וויפיל ס'האט דעם דיסטריקט געקאסט דעם וואוקס. אויך רעכנט מען נישט אינפלעישאן, ווען ארטיקלען קאסטן טייערער, וואס לויט דעם איז אוממעגליך צו האלטן דעם בודזשעט די זעלבע נידעריג ווען מ'ברויך איינקויפן ארטיקלען וועלכע זענען געווארן מער קאָסטבאַר, וואָס דאָס אַלעס אינאיינעם האָט געברענגט אַז אין קרית יואל זאָל מען זיין באַרעכטיגט צום דעם קרעדיט אפי' ביז אַ טעקס העכערונג פון 5-6 פּראָצענט.

דער ריפאונד פראגראם — וואס האלט היינט ביי א יערליכן בודזשעט פון 1.3 ביליאן דאלאר — איז נישט דער איינציגסטער סטעיט מיטל צו פארפליכטן די סקול באורדס צו האלטן די שטייערן פארהעלטניסמעסיג. אויב וויל מען באשטעטיגן א סקול בודזשעט העכער'ן "טעקס קעפ", מוז עס דורכגיין ביי די וואלן מיט א "סופער-מאיאריטעט" פון 60 פראצענט וויילער. אז ס'האט נישט מינימום 60 פראצענט איז עס דורכגעפאלן און מ'ברויך איבערארבעטן דעם בודזשעט. ווידעראום ווען מ'האלט זיך צום "קעפ", פארלייבט עס לויט דעם געוועגליכן פּאָרשריפט. אז ס'ווערט באשטעטיגט דורך 51 פראצענט וויילער, איז עס אריבער.

*

אצינד וואס איז נוגע בעיקר קרית יואל, קען זיך שטעלן א הארבע פראגע, א פראגע וואס קומט אייגנטליך פון אן אויסטערליש-פאזיטיוון פאַקטאָר: "וואס קענען קרית יואל'ער הייזער אייגנטומער בענעפיטירן פון אַ ריפאונד ווען מ'האט די לעצטע יארן נישט געהעכערט דעם סקול דיסטריקט בודזשעט אפי' מיט א פעני?"

מער קלאָרער:

וואס האט מען פון די געטרייע לייסטונגען פון די איבערמידליכע קרית יואל סקול באורד מיטגלידער, וועלכע זיצן יערליך און ברעכן זיך קאפ ווי אזוי צו פינאנצירן די אויסגאבן אויף א העכסט-אויסגערעכנטן צוגאנג, מ'זאל נישט פארשווענדן אינערגעץ איבריגע געלט - און דאס האט טאקע באוויזן דאס אומגלויבליכע, שוין דריי יאר וואס אלע טויזנטער קרית יואל'ער שטייערצאלער צאלן נישט קיין איין צענט העכער אויפ'ן סקול שטייער ביל, און די אחריות'דיגע פארוואלטונג האט געשפארט צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן פאר היימישע פאמיליעס - זאל מען יא רואיג העכערן ביז צוויי פראצענט, צי 5-6 פּראָצענט ווי באַרעכטיגט, און מ'וועט עס צוריקבאקומען אין פאסט קעסטל?!

ווען אלע קרית יואל'ער איינוואוינער וואלטן ווען געוואוינט אין אייגענע הייזער וואלט זיך אזא פראגע געלאזט פרעגן. במציאות אָבער זענען א שיינער פראצענט איינוואוינער טענענטס, וואס די אלע הייזער אייגנטומער וואלטן נישט צוריקבאקומען דעם דיפערענץ.

א פארקערטע פראגע האבן קרית יואל'ער אייגנטומער וועלכע ווילן פארשטיין ווי אזוי מ'האט גאר יא באקומען "ריפאונד טשעקס" די לעצטע צוויי יאר בעת מ'האט נישט געהעכערט אין קרית יואל סקול שטייערן?

לויט א פארשריפט אין דעם ריפאונד פראגראם איז פארהאן א "מינימום ריפאונד" פאר אזעלכע סקול דיסטריקטס וואו מ'העכערט בכלל נישט. טאקע הערשט אין אזעלכע דיסטריקטן וואו מ'האט זיך געהאלטן די מערסטע שפּארזאם און אין גלייכן איינקלאנג צום "טעקס קעפ", זיי ברויכן זיין די שטערקסטע בארעכטיגט צום ריפאונד, האבן טאקע ארום האלב קרית יואל'ער איינוואוינער, הייזער אייגנטימער, באַקומען דעם "מינימום ריפאונד" אונטער דעם ריפאונד פראגראם.

*

מער לעצטנס האָט די סטעיט איינגעטוישט די "טעקס פריז קרעדיט", ד.מ. די צוריקצאלונג סיסטעם אז מ'באקומט צוריק דעם חילוק פונעם פאריגן ביל, מיט אַ "טעקס רעליף קרעדיט" וואו ס'ווערט אויסגערעכנט אַ פראצענטיש אין פארגלייך מיט'ן "בעיסיק סטאר פראגראם". לויט וויפיל דער הויז אייגנטומער בענעפיטירט פונעם סטאר פראגראם אלס הנחה צום סקול שטייער ביל, געניסט ער ביי דעם "ריפאונד" פראגראם.

די וועלכע פארדינען אונטער $75,000 יערליך, קומט אויס דער ריפאונד טשעק 28 פראצענט וויפיל מ'באקומט צוריק פון דעם סטאר פראגראם. צום ביישפיל, אז מ'באקומט פון סטאר $500, קען מען ערווארטן א $140 ריפאונד טשעק.

ווי מער מ'מאכט, אלס ווינציגער איז דער פראצענט פונעם "טעקס רעליוו" טשעק וואס מ'באקומט אין ריפאונד. מיט א יערליכן איינקונפט צווישן $75,000 ביז $150,000, איז דאס ביי 20.5 פראצענט פון סטאר, און ס'פאלט פרישע 5.5 ווען מ'האט א יערליכן איינקונפט צווישן $200,000 און $275,000.

די פראצענטן נומערן שטייגן אבער יערליך. מ'באקומט היינט אין ריפאונד מער וויפיל מ'האט באקומען אַ יאָר צוריק ווען ס'האט זיך אנגעהויבן, און אין '19 איז עס ערווארטעט צו שטייגן אזוי הויך, אז די וועלכע פארדינען אונטער $75,000 וועלן באקומען 85 פראצענט פון וויפיל זיי באקומען ביי בעיסיק סטאר.

די ריפאונדס לויפן מיט מער ווייניגער די זעלבע רעגולאציעס ווי ביי בעיסיק סטאר. דאס הייסט, בלויז הייזער אייגנטומער וואס לייזן ווינציגער ווי $500,000 יערליך געניסן דערפון, און מ'ברויך וואוינען דארט. די לעצטערע יארן גייט אָן דער פראגראם מיט סוקסעס, וואס האט זיך אנגעהויבן לכתחילה מיט'ן סיסטעם פון "טשעקס" אויף די פאסט, און מ'האט נישט געהערט עפעס פארשפעטיגונגען צי אנדערע פראבלעמען דערמיט. דאס קומט געווענליך אָן אין די אנהויב ווינטער מאנאטן. ארום צוויי מיליאן ניו יארקער געניסן דערפון.

די שטייער ביורא האָט געמאלדן אז זי האט אנגעהויבן ארויסצושיקן די טשעקס אין נאוועמבער, און ס'וועט דויערן אַ צאל מאנאטן ביז ס'וועט ווערן אפגעליפערט צו אלע צוויי מיליאן ניו יארקער געניסער.

אין די לעצטערע וואָכן האָבן די טשעקלעך אָנגעהויבן אָנצוקומען צו טייל געגנטער אין דעם ראיאן און מ'האפט אַז תושבי קרית יואל וועלן דאס אויך ערהאלטן ווי אַמשנעלסטן.

תושבי קרית יואל זענען שטארק דאנקבאר פאר די געטרייע הנהלה פונעם סקול דיסטריקט פאר זייער איבערמידליכע ארבעט צו האַלטן נידעריג די סקול שטייערן אזוי ארום צו קענען געניסן סיי פון די ביליגסטע סקול טעקסעס פונעם גאַנצן ראיאן און סיי פון די ספּעציעלע סטעיט טעקס ריפאונדס וואס הייזער-אייגנטימער האפן צו ערהאלטן אין די פאסט ווען די סטעיט וועט דאס פאקטיש ארויסשיקן.

דעם גרעסטן דאַנק פאַר אַלע פּראָיעקטן פון הרחבת גבולי הקדושה אין קרית יואל, איז צו פאַרדאַנקען די טויזנטער פאַראַנטוואָרטליכע איינוואוינער וועלכע קומען יערליך אַרויס שטימען אין די פּאָליטישע וואַלן וואָס דאָס ערמעגליכט מען זאָל קענען צושטעלן פאַר'ן ציבור די אַלע לעבנסוויכטיגע פּראָיעקטן!

אינפארמאטיווע "ריעל עסטעיט אווענט"

(פארזעצונג פון זייט 13)

זוכן דירות, און צווישן אנדערע האבן מערערע רעדנערס - אין לויף פונעם אוונט — ארויסגעברענגט די מערערע בענעפיטן פון קויפן אן אייגענע דירה ווי איידער צו וואוינען אויף רענט, וואס דאס איז א לעבנסלענגליכער אינוועסמענט וואס כמעט יעדער קען זיך ערלויבן און מען געניסט פון פילצאליגע בענעפיטן ווי צ.ב. אז מען קען ארויסנעמען א האום-עקוויטי און די אינטערעסט אויפ'ן מארטגעדזש איז א טעקס-דעדאקשן, און אויף די עלטערע יארן קען מען לעבן רואיג מיט אן אויסגעצאלטע דירה בעז"ה.

א העכסט-אינהאלטפולע דרשה האט מען געהערט פונעם מארטגעדזש-עקספערט, מו"ה שלום משה עקשטיין הי"ו, איבער "קרעדיט און מארטגעדזשעס". פאלגנד ברענגען מיר עטליכע וויכטיגע נקודות פאר די תועלת פון די ליינער:

"די סאמע ערשטע זאך ווען מען וויל קויפן א דירה, איז צו בויען דעם אייגענעם 'קרעדיט', כדי די באנק זאל מסכים זיין ארויסצוגעבן א מארטגעדזש. קרעדיט בויט מען דורכ'ן נוצן קרעדיט קארדס מיט אחריות, און באצאלן צייטליך די פעימענטס."

"צווייטנס דארפט איר נעמען אין באטראכט אייער בודזשעט וויפיל מען קען זיך ערלויבן צו צאלן א יאר, ווייל די באנק קוקט אויך שטארק וויפיל איז אייער אינקאם און וואס איז אייער בודזשעט." ער האט אראפגעלייגט וויאזוי מען רעכנט עס אויס כדי סיי דער קונה זאל אליין וויסן וויאזוי ער וועט דעקן די חודש'ליכע פעימענטס און אז די באנק זאל באשטעטיגן דעם סכום.

אויפ'ן פלאץ איז טאקע אויסגעטיילט געווארן א קלארער טשארט פון "קאלאניעל פראפערטי מענעדזשמענט", וואו עס איז געווען אויסגערעכנט אלע הוצאות וואס מען דארף נעמען פון פאראויס אין באטראכט, צום ביישפיל ביי אן אינוועסטמענט-פראפערטי דארף מען באטראכטן די נעט-אינקאם פונעם גאנצן יאר און עס צוטיילן חודש'ליך, אויסרעכענען אלע הוצאות פונעם יאר און צוטיילן חודש'ליך, וויפיל גייט פראפערטי-טעקסעס קאסטן דעם גאנצן יאר, וויפיל אינשורענס, מעינטענענס, שארן שניי, שניידן גראז, קאנדאו, א.ד.ג. אויסער וואס דער קונה דארף מאכן דעם חשבון צו וויסן וואס עס וועט אים פאקטיש קאסטן, וועט אויך די באנק מאכן דעם חשבון וויפיל עס וועט בלייבן פונעם אינקאם צו צאלן פאר'ן מארטגעדזש און נאר לויט דעם וועט זי פארבארגן.

דערנאך דארף מען רעכענען צו צאלן ארום 500$ פארן "פרינציפעל" און "אינטרעסט" אויף יעדע 100,000$ וואס מען בארגט פון דער באנק. אויב איינער קען נישט אליין אנקומען צום פונקטליכן חשבון, זאל ער גיין פרעגן א מארטגעדזש-עדווייזער - נישט אויסמישן מיט מארטגעדזש בראָוקער.

דאס איז וויכטיג נאך בעפאר'ן גיין צו א ריעל עסטעיט בראוקער אדער זוכן א הויז, צו קענען פונקטליך אויסרעכענען אויף וואס ער קען רעכענען זיך צו ערלויבן ביים קויפן א הויז.

לדוגמא האט ר' שלום משה דערציילט פון איינעם וועלכער האט שוין גערופן צו אפלייען פאר א מארטגעדזש, ווייל ער איז שוין אין קאנטראקט אויף א הויז אין בלומינגראוו וואס דארף אים קאסטן 4,500$ א חודש. נאכדעם וואס ער האט אראפגעגעבן זיין אינפארמאציע האט מען געזען אז די נומערן שטימען נישט; דער אינגערמאן קען זיך נישט ערלויבן אזעלכע חודש'ליכע פעימענטס, און מען האט געדארפט טאן דאס וואס דער אדוואקאט פונעם אוונט ראפי בערלין האט דערמאנט ביי זיין אויפטריט, ער האט געדארפט טרעפן א וועג וויאזוי ארויסצוגיין פונעם קאנטראקט, און ער האט זיך געקויפט א צווייטע דירה אין קרית יואל וואו ער האט בלויז געדארפט צאלן $2,500 א חודש שוין אלעס אריינגערעכנט טעקסעס, אינשורענס, קאנדא, וואס דאס האט ער זיך יא געקענט ערלויבן. דאס אלעס קען מען איינשפארן ווען מען מאכט דעם פונקטליכן חשבון פון פאראויס.

באַזונדער האט ר' שלום משה ערוועהנט אז עס איז זייער וויכטיג צו נעמען צו קענטעניס דעם גרויסן דיפערענץ פון שטייער און מעינטענענס צווישן די פאַרשידענע געגנטער. דהיינו, אז אין קרית יואל קומט אויס די דורכשניט-ליכע טעקסעס פאר א גרויסער דירה לערך $300 א חודש, וואס בנוסף צו אינשורענס/קאנדאו איז עס א סך הכל פון $500, וואס באַדייט אז אַ אינגערמאַן וואָס די באַנק-רעגולאַציעס ערלויבט איהם נאָר צו נעמען אַ חודשליכע דירה-אויסגאַבע פון $2,500 קען אין קרית יואל ווערן אפראווד פאר א $400,000 מארטגעדזש,

משא"כ אויב דער אינגערמאן קויפט אין בלומינגראוו וואו די טעקסעס איז $7-8,000 פאר א מיטעלע סייז הויז און צוזאמען מיט די אינשורענס/מעינטענענס וואס א פריוואטע הויז קאסט צאלט ער שוין באלד $1,000 א חודש, און ווען עס קומט צום מארטגעדזש זעלבסט אויב בלייבט ער נאר מיט $1,500 עוועילעבל פעימענט, וועט ער נאר ווערן אפראווד פאר א $300,000 מארטגעדזש. און אוודאי אין וואודבארי דזשאנקשן וואו די טעקסעס קענען זיין $15,000, $18,000 אדער גאָר $20,000 אויפן יאָר, גייט אראפ פיל מער פון וויפיל ער וועט קענען באקומען פון באנק.

ווייטער האט ר' שלום משה אויסגעשמועסט אז דער עדווייזער קען ארויסהעלפן אויסרעכענען וויפיל קעש מ'וועט דארפן האבן פאר'ן דאון-פעימענט קלאוזינג קאסט, מופן, א"וו, און כאטש דער געווענליכער מארטגעדזש איז 80%, גיט די באנק אין געוויסע פעלער 97%, וואָס מיינט אז מען ברויך בלויז 3% קעש. נאכדעם איז כדאי צו רעכענען די קאסט פון קלאוזינג, מופן, מזוזות, פעינטען, סקרעיפען,

עקסטער איז זייער וויכטיג צו רעכענען פון פאָראויס די קאסטן פאר רענאוואציעס ווען מען קויפט אן אלטע אפגענוצטע דירה, גרעסערע אויסגאבן צו ארומטוישן א גוי'אישע דירה, כשר'ן קאך א.ד.ג.

ער האט אויך ארויסגעברענגט אז עס איז גוט צו וויסן אז מארטגעדזש-עקספערטן קענען ארויסהעלפן אין פעלד פון אריינלייגן די קלאוזינג קאסטן אינעם מארטגעדזש, און אז עס איז וויכטיג צו האבן א לויער ביי יעדע קלאוזינג

*

מען האָט געהערט אן אויפטריט פון מו"ה ברוך ווינער הי"ו פון "קעפיטאל פראפערטי אינספעקשאן", וועלכער האט גערעדט איבער דער וויכטיגקייט פון נעמען א פראפעסיאנאלן אינספעקטאר איידער מען קויפט אפ א הויז פאר פערזענליכן באנוץ אדער פאר אינוועסמענט, וועלכער זאל פארזיכטיג באקוקן פייפס, בוילערס, סטראקטשור, פאנדעישאן א.א.וו. סיי ביי פריוואטע הייזער און סיי ביי קאנדאס.

ער האט דערציילט אז ער האט שוין מיטגעהאלטן ווי הייזער האבן אנגעהויבן שטארק צו זינקען א קורצע צייט נאכ'ן בויען, און עס האט אפגעקאסט א הון תועפות דאָס צו פאררעכטן. ער האט שוין געזען הייזער מיט ענווייראמענט ווייאלעישאנס וואו דער קונה האט עווענטועל געדארפט צאלן גרויסע קנסות פאר דער פעדעראלער רעגירונג, און בפרט הייזער וואס זענען העכער 50 יאר אלט, וואו מ'דארף זיין ספעציעל פארזיכטיג נאכצוקוקן פאר 'קרעקס' אינעם פונדאמענט.

עס האט אויך אויפגעטרעטן מיט א וויכטיגן אויפטריט אן ערפארענער ריעל-עסטעיט אדוואקאט מר. בערלין, מיט אנווייזונגען וויאזוי צו שיצן אויף א דאון-פעימענט און עס נישט פארלירן. אויך האט ער אדרעסירט וויאזוי זיך אן עצה צו געבן ווען נאכ'ן סיינען דעם קאנטראקט דערזעט ער זיך אז אנדערש וויאזוי ס'געווען אדווערטייזט, למשל, 4.5 עיקר איז די פראפערטי בלויז 3 עיקר.

דער אויפטריט איז געווען גאר וויכטיג פון א לעגאלן שטאנדפונקט, און איז געווען גאר ווערדפול פאר יעדן איינעם וועלכער איז עוסק אין ריעל עסטעיט.

אזוי אויך האט מען געהערט פון מו"ה זושא באב"ד נ"י פון "עקזיט ריעלטי" בנוגע פראפערטי מענעדזשמענט. צווישן אנדערע האט ער ארויסגעברענגט אז מען ווערט אמאל פאר'שיכור'ט פון אן עדווערטייזמענט און דערפאר דארף מען וויסן צו זיין פארזיכטיג איידער מ'מאכט א באשלוס אויף אזא וויכטיגן ענין, ערקלערנדיג אז איידער מען קויפט א הויז דארף מען נעמען אין באטראכט פילצאליגע איינצעלהייטן, ווי למשל צי מען וועט דארפן צוקומען צו פערמיטס פון די לאקאלע ביוראקראטישע מוניציפאליטעטן פאר וויכטיגע רענאוואציעס; די קאסט פון סערוויסעס ווי שניי-שארן; א.א.וו.

אנדערע וויכטיגע נקודות האט ער ערוועהנט אז מעינטענענס פאר אן עלטערן הויז איז געווענליך היבש טייערער; אז ווען מען קויפט א דירה פאר אינוועסמענט מיט'ן פלאן עס צו פארדינגען דארף מען וויסן די קאסטן וואס די טענענטס וועלן ערווארטן; און ווען מען קויפט אין קרית יואל דארף מען געווענליך בעסער פארשטיין דעם קאנצעפט פון קאנדאו שותפות וכו'.

"מען זאגט ביי ברכת המזון ביים ברכת האורח לבעה"ב 'ויהיו נכסיו ונכסינו מוצלחים וקרובים לעיר', דאס איז ווייל מען דארף טאקע באזוכן מזמן לזמן אן אינוועסטמענט-פראַפּערטי."

(פארזעצונג אויף זייט 27)

שטייענדיג אין די ווינטער חדשים ווען די ערב שבת טעג זענען גאר קורץ, טוען מיר נאכאמאל מפרסם זיין די תקנה וואס איז איינגעפירט געווארן מיט עטליכע יאר צוריק דא אין שטאט, דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי פאלגענד:

ווען עס קומט אן דער זמן פון הדלקת נרות של שב"ק זאל זיך שוין נישט געפינען קיין איין ארבייטער אין די גרעניצן פון קרית יואל, און ס'ליגט א פליכט און אן אחריות אויף אלע קאנטראקטערס, זיי זאלן זען אז איין שעה פארן זמן, דארפן שוין אלע ארבייטער אויפהערן ארבעטן און זיך גרייטן צו פארלאזן די שטאט.


RABBI ARON TEITELBAUM
5 Sanz Ct. Kiryas Yoel
Monroe, N.Y. 10950
Tel. (914) 783-0994-5

אהרן טייטלבוים
רב ור"מ דק"ק
קרית יואל והגלילות
יצ"ו

ב"ה

על דבר המכשילה שפועלי עכו"ם עושים את מלאכתם - בבנין ותיקון בתים וכדוי - לקבלנים מבני ישראל בערבי שבתות, ומלאכתם יכולה להמשך גם אחר כניסת השבת, - ובפרט בימי החורף שהיום קצר והמלאכה מרובה.

ואחרי משא ומתן עם ידידי הגאון הדומ"ץ דפה שליט"א באנו לידי החלטה שלמיגדר מילתא נצרכה לתקן תקנה לעיר הזאת, שבהגיע זמן הדלה"נ בל יראו ובל ימצאו הפועלים בתחומי עיר קרית יואל יע"א, ושעה אחת קודם זמן הדלה"נ של שבת, צריכין הפועלים להפסיק את עבודתם ולתכונן לנסוע מהעיר, ודבר פשוט וברור שעל הקבלנים מוטל האחריות שיתקיים התקנה במילואו, ולמזהיר ולנזהר, שלומים תן כמי נהר.

הכותב וחותם למען שמירת שבת קדשינו

אהרן טייטלבוים
רב ור"מ
דק"ק קרית יואל יצ"ו

אינפארמאטיווע "ריעל עסטעיט אווענט"

(פארזעצונג פון זייט 26)

דערביי האט ער דערציילט א ביישפיל פון א אינגערמאן וועלכער האט באזוכט א רענטאל דירה אין די יעצטיגע קאלטע ווינטער חדשים און פונקט באמערקט ווי דער נישט-אידישער טענענט איז אוועקגעפארן אויף עטליכע וואכן און געלאזט אפן אלע פענסטערס. דער אינגערמאן האט עס באצייטנס באמערקט, און אזוי ארום נאך גערעטעוועט אז עס זאלן נישט זיין קיין געפלאצטע פייפס וואס וואלט געמיינט אסאך עגמת נפש און גרויסע הוצאות.

שפעטער אינעם אוונט האט מען געהערט א רעדע פון מר. בראון איבער האנדלען מיט קאמערשל פראפערטי צוגעשטעלט דורך MK Realty, וואו עס איז אויסגעשמועסט געווארן אלעס וואס איז נוגע צו וויסן ווען מען קויפט און האנדלט מיט א קאמערציאלע פראפערטי. ווי אויך האט ער געענטפערט איבער די פראגע אויב איינער קען עפארדן נאר א זעקס-רומיגע דירה צי ער זאל זיך אנשטרענגען און זיך אנבארגן אריינצוטאנצן צו קויפן אן אכט-רומיגע דירה, אויף וואס ער האט געענטפערט, ארויסברענגענדיג די וויכטיגקייט צו זיין אויסגערעכנט מיט'ן בודזשעט און זיך נישט אריינלאזן אין זאכן וואס ער קען זיך נאכנישט במציאות ערלויבן.

אויך האט מען געהערט אינפארמא-טיווע פאקטן און ענטפערס ווען א רייע בראקערס האבן אויפגעטראטן, מייסטנס פארצושטעלן און מארקעטן זייערע אויסוואלן.

אויף די נייגער פון פילע באטייליגטע צו הערן די מעלות פון קויפן א דירה אינדרויסן פון קרית יואל קעגן די באוואוסטע מעלות פון קויפן אין קרית יואל ווי צ.ב.ש ברייטע סיידוואלקס איבער דער גאנצער שטאט, וואלקינג דיסטענס צו געשעפטן און גראסעריס וואו מ'קען גיין אליין אדער שיקן א קינד, באלויכטענע גאסן און ארומגענומען מיט אן עירוב צו קענען טראגן אין דער גאנצער שטאט אום שב"ק, אויסער די נידעריגע טעקסעס און פילע נאך מעלות, האט מען געהערט פון מו"ה אליעזר יחזקאל שווימער הי"ו פון דער ריעל-עסטעיט פירמע "בלומינג ריעלטי", וועלכער גיבט זיך אפ מיט פארקויפן פראפערטיס און דירות אין די גלילות פון קרית יואל, די מעלות פון מאנראו, אז צוליב די אפגעצונקייט פון די דירות (60-50 יאר אלט) און נישט-היימישער אויסשטעל פון דירה וואס מ'דארף אריינלייגן אסאך געלט עס איבערצופרישן און מאכן אידישליך וואס קען ארייינציען אין צענדליגער טויזנטער דאלארן, קען מען צוליב דעם אסאך מאל אראפדריקן דעם פרייז ביים פארהאנדלען מיט'ן גוי, מיט'ן אים מסביר זיין וויפיל געלט מ'וועט נאך דארפן אריינלייגן אינעם הויז.

אויף דעם פאקט אז די נאנט צו 150 משפחות וואוינען זייער צושפרייט און צעטיילט אין עטליכע געגנטער האט ר' יחזקאל געזאגט אז הגם טאקע מקוואות זענען נאר דא 2-3, אבער בתי מדרשים זענען שוין דא זיבן אין סך הכל.

פאר די וואס טראכטן צו קויפן דארט א דירה וואס מ'זאל דאס לייכסטע קענען שפעטער אראפווארפן און אויסבויען מיט מערערע דירות, איז אויך אנגעוויזן געווארן דורכ'ן אגענט פון "בלומינג ריעלטי" אלס דער פאסיגער פלאץ, ווייל דאס וואס די הייזער זענען נישט קיין קאנדאס נאר פריוואטע הייזער מאכט דאס פיל לייכטער פאר שפעטערע בוי-ארבעט ווי איידער ביי א הויז פון קאנדא שותפים.

דער פאקט אז אסאך מאל ווילן מענטשן קויפן א הויז דייקא אין א געוויסער גאס צי ווייל מ'האט דארט חברים אדער משפחה צי ווייל מ'וויל זיין מער נענטער צו א בית המדרש/מקוה וואס וועט געווענליך זיין א וויכטיגער פארקטאר לגביב שבת ויו"ט, אבער אויף דעם ספעציפישן הויז האט שוין איינער געגעבן אן אפער, איז אדרעסירט געווארן דורך אן "עקזיט ריעלטי" אגענט ווען ער האט ארומגערעדט איבער דער סיבה פארוואס די דירות אין די ארומיגע געגנטער זענען ארויפגעשריפט געווארן די פרייזן קעגן בלויז א יאר-צוויי צוריק, אז דאס איז געקומען אין רעזולטאט פון דעם וואס עטליכע פאטענציעלע קונים האבן פרובירט צו האנדלען אויפ'ן זעלבן הויז.

ווידעראום אויף א פראגע צי מ'זאל קויפן א הויז ווען מ'ווייסט אז דער בראקער מאכט א שיינע אפותיקי אויפ'ן געשעפט און ער פליפט שוין דאס הויז, האט איינער פון די ריעלטי אגענטן געענטפערט אז אויב זאל א קונה קוקן אויף דעם וועט ער קיינמאל נישט אנקומען צו קויפן א הויז, נאר ער זאל קוקן צי עס לוינט אים און אויב יא עס קויפן אן קוקן אויפ'ן בראקערס פראפיטן.

אויך איז געהערט געווארן איבער דער וויכטיגקייט זיך צו היטן פון ארייינפאלן אין אומאפגעשמועסטע קאסטן, ווען ביי אייך מקח קען זיין א דאון פעימענט פון בלויז צען-צוואנציג טויזנט דאלאר ביי א צווייטער וואס וועט בעטן קלאר 75 טויזנט דאלאר, אבער קעגן דעם קען זיין בראקערס אדער דעוועלאפערס וואס וועלן אנדערש ווי אפגעשמועסט צוליגן טשארדזשעס אויפ'ן טיש און אונטער'ן טיש... צ.ב.ש. נייע פיעס ביים קלאוזען; זיך טרעפן מיט אומבאצאלטע פראפערטי טעקס בילס, יעדע געגנט לויט זיינע טעקסעס; אומבאצאלטע האום אָונערס אסאסיעישאן (HOA) טשארדזשעס וואס ביים קויפן עקזיסטירנדע הייזער קען עס אמאל זיין גאר שיינע געזאמלטע סכומים.

איבער דעם וואס מ'קויפט א גענוצטע הויז פון א גוי וואס ער בלייבט טיילמאל נאך וואוינען דערינען, איז אנגעוויזן געווארן אז ס'דא וואס האבן שוין געהאט אסאך שאדן דערפון, סיי אז דער גוי קען דעמאלט פיל שאדן טון צום הויז און סיי אים ארויסצוזען שפעטער צו דער אפגעשטימטער צייט, האט איין בראוקער אנגעוויזן אז זייער פירמע טוט דערין זיכער צו מאכן אז דער קונה זאל נישט שאדן האבן.

מו"ה אליעזר דוד האפמאן הי"ו פון עם. קעי. ריעלטי האט דערמאנט די אפציעס פון קויפן דירות אין קרית יואל, קודם אין "שכונת ויואל משה" וואו הונדערטער אידן קויפן פאר בלויז 200-210 דאלאר א סקוועער פוס. דערנאך האט ער דערמאנט אז ס'דא ביים ווילעדזש פלעינינג באורד נאך שיינע דעוועלאפמענטס פון הונדערטער דירות, גאנץ ענליך צום געבוי פון "שכונת ברך משה", וואס מ'האפט בקרוב צו קענען זיך איינהאנדלען. הפנים דער אוונט וואס איז פארגעקומען ליל שישי פר' יתרו האט דערמאנט דעם רש"י וואס זאגט צוויי פשטים אויף "ויחד יתרו", ווען פון איין זייט פריידט דאס הארץ אז עס גייט צוקומען אויפאמאל נאך הונדערטער דירות צו לינדערן דאס מאנגל, אבער אין דער זעלבער צייט שטעכט דאס הארץ אז די זעלבע פראיעקטן זיצן שוין אויפ'ן זעלבן ארט ביים ווילעדזש פלענינג באורד גאנצע פינף יאר ווארטנדיג אויפ'ן אנעקסעישאן, און איז ליידער פארשלעפט געווארן דורך די פארשידענע שטערונגען.

